STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03526

GLOKN IN MIDBER

S. Palme

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גלאָקן אין מדבר

ס. פּאַלמע

הויכע בערגער זיינען הויך נאָר:
אין דיין קליין זיין,
אין אַליין־זיין;—
אין דיין גלויבן ליגט דיין כח נאָר:
דעמלט שטייגסטו.
דעמלט גרייכסטו,—
ווייל אין גלויבן ליגט דיין כח נאָר!

אלס צייכן פֿון דאַנקבארקייט
און אנערקענונג,
ווידמע איך מיין בוך
„גלאָקן אין מדבר”
דעם גוטן מענטש, פֿריינט און ייד
ב ן ־ צ י ו ן מ ר ג ל י ו ת

פֿון זעלבן מחבר:
„חלום־לאַנד”
„רויטע רויזן”
„קינדער פֿון שטורעם”
„צווישן פֿיר ווענט”
„פֿאַרוויסטע ערד”
„רינגען און קייטן”

במקום פאַרוואָרט

ס. פאַלמע און זיין בוך „רינגען און קייטען״

אַן אָפּהאַנדלונג דערשינען אין „אונזער שטימע״ דעם 14־טען יאַנואַר 1948 אין פּאַריז פונם קריטיקער ב. וויצענטאַווסקי.

די היינט־צייטיגע יידישע ליטעראַטור איז כמעט אַ חורבן־ליטעראַטור. דער אידישער שרייבער, וועלכער איז געוואָרען אַפּאַטיש, פאַרצערט און מטושטש׳דיק פון די נעכטיקע קאַשמאַרן,—קערט זיך אָפּ, ווער מער, ווער ווייניקער פון דער איצטיקער אַלגעמיינער ווירקליכקייט.

דאַקעגען פילט זיך דער שרייבער היימישער, ווען ער נעמט זיך שרייבן וועגן נאָנט־טראַגישער פאַרגאַנגענהייט, און כדי די יידישע טראַגעדיע, דער יידישער חורבן, זאָל וואָס בולטער קומען צום אויסדרוק, שטעלט ער אונדז פ א ר דאָס יידישע נאָרמאַלע לעבען פון פריער, פון פאַרן קאַטאַקליזם—פון יידישן פאָלק, אַזוי אַרום באַקומט זיך אַ קאָנטראַסט־דיפערענצירט בילד. אָט איז לעבן — אָט איז טויט, חורבן!

אַנדערש איז בנוגע ס. פאַלמעס דיכטונג. אין׳ם בוך ״רינגען און קייטן״ זעען מיר נישט דאָס אַמאָליגע יידישע לעבען קלאָר, דייטליך, הגם ס׳וועבן זיך אַדורך דאָ און דאָרט שורות יידיש לעבן פון פאַר׳מלחמה׳דיקן פוילן נאָר עס באַקומט זיך שפליטערן פון אַ גרויסן לעבן.

ס. פאַלמע האָט דעם יידישן חורבן פאַרפיקסירט אין פאַרשידענע וואַריאַנטן, אַספּעקטן, געזען דורך דער דיכטערישער פּריזמע.

ס. פאַלמע איז אַ סאָציאַלער דיכטער דורך און דורך, הגם ער איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט קיין שום פּאַרטיי, דאָך זאָגט ער אַז ער איז נאָר פאַרבונדן מיט דער פּאַרטיי פון:—

״די שוסטערס, די שניידערס, דעם שמיד
און סתם דעם ייד
מיט מיין גאַנצן געביין:
מיט זיי איז מיין געלעכטער און מיט זיי איז מיין געוויין״

אין דעם ליד „רינגען און קייטן״ פאָדערט דער דיכטער קאָלעקטיווע פאַראַנטוואָרטליכקייט, אחדות, וואָס זאָל פון די אָפּגעריסענע רינגען צו־

נויפשמידן איין מעכטיק־אומצערייסבארע קייט געבנדיק די גאראנטיע פארן ווייטערדיקן קיום פונ׳ם יידישן פאלק:—

„אמת, מיר האבן רינגען פארלוירן פון אונדזער קייט,
מיר ציילן קדושים, מיר לעקן וואונדן שטילערהייט.
מיר רייסן קריעה, מיר זאגן קדיש אין איינעם.
מיר זיצן שבעה און קיין טרייסט־ווארט פון קיינעם.
מיר׳ זאגן יזכור, מיר גיסן טרערן...
נאר גענוג! דאס מוז אויפהערן !
ס׳מוז אויפהערן, יידן!
זאלן הערצער שטארקע מיט עקשנות שמידן
שפאגל־נייע רינגען...!

דאס קאן מען זאגן איז דער גאנצער לייט־מאטיוו פון בוך, אלע פראגרעסיווע כחות מוזן זיך פאראייניקן, כדי צו „שמידן שפאגל־נייע רינגען״

נאך אונדזער גרויסן פארלוסט, מאכט נישט דער דיכטער קיין טראדיציאנעלן אל־מלא־רחמים׳ס, נאר זאגט יזכור:—

„מיט ליכט אנגעצונדענע אין הארצן
און מיט קעפ געבויגענע אין שווארצן,
אן שלוכצן און אן קלאגן
וועלן מיר יזכור זאגן:

יזכור

ס׳וועט דער יזכור זיין א מאנומענט
צו קדושים, געטא־ווענט,
צו קינד און קייט,
צו מארטירער אויסגעגאנגענע שטילערהייט:

יזכור

און אזוי זאגט ער כסדר, סיי נאך דער מאמען מיט איר קינד, סיי נאכן זקן, רבין, נאכן נײַנצן־יאריקן בחור א.ז.וו. ער פארענדיקט מיט די ווערטער:—

„יזכור וועלן זאגן אייערע ברידער נאך אייך,
נישט טרוקן וועט ווערן פון טרערן דער טייך,
מיר וועלן געדענקען פון הענקער די הענט!
מיר וועלן געדענקען פון געטא די ווענט!

יזכור...!

דער דיכטער ס. פּאַלמע איז שוין נאָנט פערציג יאָר אין ענגלאַנד. פאַרלאָזט זיין געבורט־שטעטל מעזעריטש (פּוילן) איז ער נאָך געווען א יונג בחור׳ל. דער אידילישער בליאַסק פון שטעטל, פון דאָרטיקן לעבן, שטייען אים שטענדיג פאַר די אויגן, מעג ער זיין אין פּאַריז, וואַרשע, לאָנדאָן, נאָגט עפּעס א בענקשאַפט נאָך דעם שטעטל. דער וואַרימער סענטימענט איז אין זיין האַרצן טיף איינגעבאַקן און קיין שום גרויס־שטאָטישער טומל איז, נישט בכח דאָס פון אים אַרויסצורייסן...

אין דער עלעגיע „ר׳ סנדר" דריקט דער דיכטער אויס דעם פאַרשטיקטן קדיש נאָכן אומגעקומענעם פּוילישן יידנטום. אין ר׳ סנדר׳ס פּערזאָן זעען מיר אַלע גרוילן, די קאַלערליי מיתה משונה׳ס אין וועלכע ס׳פּוילישע יידנטום איז אומגעקומען.

עס מאַכט אָפט מאָל דעם איינדרוק, ווי פּאַלמע וואָלט אין אַלץ אַנטוישט געוואָרן. ס׳פאַרדריסט אים הלמאי דער וועלט־געוויסן, אין וועלכן ער האָט אַזוי קינדיש־נאַיוו געגלויבט — האָט אים אויך מיאוס, פאַרעטעריש אָפּגענאַרט און מען:—

„האָט ס׳געוויסן
פונ׳ם האַרץ אַרויסגעריסן,
די וועלט אַנגעצונדן
און מיט וואונדן
באַדעקט און געטויט
און געפאַרבט אַלץ בלוטיק־רויט" (ז. 31)

„דער מאַרש פון די קדושים", וואָס איז אויך געשריבן מיט אַן עלעגישן טאָן, שילדערט דעם וויסטן חורבן, אַז אַפילו דער:—

„טויט האָט ציינערדיק
און ביינערדיק
געלאַכט און געלאַכט,
איבער אַלץ וואָס מענטש האָט צוגעטראַכט"

*

דער דיכטער וויל זיך ווייטער אָנשפּאַרן אין׳ם גלויבן, אַז די וועלט וועט זיך דאָך מוזן ענדערן צום בעסערן. נו, טאָמער וועט דאָס נישט געשען, דאַן:—

„זאָל מענטשליכע חיה אין א לעצטע שלאַכט זיך אויסשעכטן
און צום לעצט פון בראשית, זאָל די וועלט זיך אַנהויבן—
וואָס איז לעבן ווען פאַרלוירן גייט דער גלויבן?!..."

יאָ, שווער איז צו לעבן אָן א גלויבן! די פעלקער־געשיכטע האט אונדז נישט איין מאל געוויזען אז אין סאמע אפּגרונט פון פינצטערע נסיונות, האט זיי דער גלויבן אין נצחון, באפליגעלט מיט שטארקע כחות און קאמף — ביזן ענטגילטיקטן זיג!

דער איצטיקער דור פון דער מענטשהייט פילט די סכנה פון דער צייט. אונדזער קיום איז פיל אפּהענגיק אין׳ם זיג פון אלע פּראָגרעסיוו־דעמאקראַטישע כחות. זאגט דער דיכטער:—

„מיר האבן דעם גלויבן! מיר האבען בטחון!
ס׳איז אונדזערס ווי זייערס, די שעה פון נצחון...!

כאטש פּאַלמע איז אומפּארטייאיש, איז ער דאך א געטרייער מיט־גליד פון דער מעכטיקער פּארטיי, וועלכע קעמפט פאר א גערעכטן סאציאלן יושר אויף דער וועלט וואס מוז געבוירן ווערן דורך פּיין—און קומען דורך א הארטנעקיקן קאמף.

*

די לידער זיינען נישט סתם געווידמעט דער „אידישער טראגעדיע״, נאָר שטראמען ארויס פון דעם דיכטערס צעפיבערטע נשמה, פון זיין צער־און צארן־שטימונג. מיר זען אז די פיזישע יסורים פון פּוילישן יידנטום זענען דערגאנגען צום דיכטער אזש אין׳ם קאָכיקן לאָנדאָן. ער האָט פּאַראַלעל צו די ליידען פון זיינע ברידער־יידן אין פּוילן—גארנישט נישט געליטן; דאך איז ער באַטריבט אין ווייטיק, און דריקט אויס זיין באהעפטונג מיט זיי, די מאַרטירער־קדושים:—

„ניין,—
כ׳בין דארטן ניט געווען,
דאך געזען:
וואלקנדיקן קרעמאטאריום־רויך
צו הימל־הויך
זיך ציען
און מיען
און נישט ווערען ווי קיינמאל ניט געווען,—
כ׳האב אלץ געזען,
אלץ געזען...
אין נאכטלעכע קאשמארן בין איך ליידן דורכגעגאנגען:
„כ׳האָב געהערט יללות אויסגעמישט מיט גסיסה קלאַנגען
זיך טראגנדיג פון גאז־קאמערן״

מיט אן איינגעהאלטענעם פראטעסט־אויסגעשריי, ווענדעט ער זיך צו גאט, — אן ענטפער אויף דעם:—

„די פון גאזן רויע לונגען
אין ציטערדיקע הענט צו כביכול געטראָגן
ער זאָל עס מיר זאָגן:
וואו איז יושר, וואו איז רעכט,
אזוי צובאשטראָפן מיך, זיין אויסדערוויילטן קנעכט...״

פאַראן זער פיל שורות, וועלכע זענען מיט אזא אויפריכטיגער פשטות געשריבן, אז מיר גלויבן אלץ וואס דער דיכטער זאגט: זיי ווירקן אויף אונדזער געמיט־צושטאנד—עמאציאנעל־סענסיטיוו.

עס איז אויך ווערט צו דערמאָנען אז דאָס בוך איז געוואָרן מיט אן עסטעטישן געשמאק צוגעגרייט. צום בוך זענען פאַראן געלונגענע אילוס־טראציעס*) וועלכע אנטשפרעכן דעם אינהאלט פון בוך. ריכטיג זענען: 1) ר׳ סנדר ז.4. 2) דער ייד מיטן בעבער אין דער הויך אויסגעשטרעקט (צום ליד „די שעה פון נצחון״ ז. 44.) 3) „דער מארש פון די קדושים.״

*) געצייכענט און געמאָלן פון׳ם אַוטאָר.

גלאקן אין מדבר

(אלעגאריע)

א מדבר א ברייטער,
אין ווייט אויסגעשפרייטער,
א וויזיע שפינט אוים זיך אצינד
קיין מענטשן, קיין הייזער,
א ווינט בלויז א בייזער,
וואס יאגט אן א רייטנדיק קינד:

אויף ווייס פערד צעפלאשעט,
מיט קאסע וואס קאשעט,
וואס רייסט זיך און שניידט דורך די לופט
און וואלקנס פון שטויבן
אליץ העכער זיך הויבן
און ס'רייטנדע קינד וואס סע רופט:

„העי, וואו זייט איר שאקאלן,
א מענטש איז געפאלן
דער לעצטער אט דארט אויפ'ן וועג,—
היינט איז דאך בראשית,
און אלץ דא וואס פלייש איז,
מוז שטארבן אין לעצטן געיעג...!"

„מיין נאמען איז — מארגן,
אן פחד, אן זארגן,
כ'באגלייט דיר אוואר־נאר דו גייסט:
זאל מדבר ניט שווייגן,
זאל שטורעם הויך שטייגן,—
אל־הערשער, וואס ווייסט ער, וואס ווייסט...?"

און פלוצים, וואו, גלאקן,
צעקלינגען און וועקן
און קלאנגען זיך מישן מיט ווינט
און אלץ וואס פארשמאכט־איז,
פארשלאסן, פארמאכט־איז,
נעמט פאלגן דעם רוף פון'ם קינד:

וואס רייט אין דער וויסטע
פֿון קיסטע צו קיסטע,
מיט שופֿר וואס האלט אין איין שאַלן
און גייסטער זיך הויבן
מיט וואלקנס פֿון שטויבן,—
ס'זיין העלדן וואָס זיינען געפֿאַלן

ס'אַן עדה צוזאמען
אין רויכן און פֿלאמען,
ביים ראַנד פֿון'ם הימל מען זעט
און ס'קומט זיי אַנטקעגן
פֿון אַלע פֿיר וועגן,
פּראצעסיעס מיט שטילן געבעט.

„ווער איז עס די עדה,
פֿון וועלכער עקידה,
די לעצטע איז נעכטן געוועןֹ!
ס'זאָל קיינער פֿארבארגן
ניט שענדן דעם מארגן, —
דאס אַלץ איז שוין נעכטן געשען...!"

דאָס איז עס די שטימע
פֿון קינד אויף אַ בימע,
אין מיטן דעם מדבר וואָס שטייט:
דער נעבן אַ דאָרן,
אַזוי זיך פֿאַרלאָרן,
די עדה, צו אים צו, זי גייט:

געקליידעט אין טראַנטעס
דער דלות באַקאַנט־איז
פֿון קדושים, די קרובים און פֿריינט:
אַ פֿרייד צו געניסען,
זיי קומען באַגריסן
דעם קינד פֿון'ם מארגן וואָס שיינט !
און גלאָקן אַלע קלינגען
אין מדבר, און ס'זינגען
די כּאָרן און הערן ניט אויף:
די פֿלאַמען און רויכן
זיך ציען אין הויכן,
צו הימלען דאָרט אויבן ארויף:

א ראשן, א טומלען,
ס׳עפענען זיך הימלען,
אויך אויבן איז עפעס געשען:
מלאכים זיך וויגען
צום ערדישן ניגון,—
זיי האבן בראשית דערזען....!

און פלוצים אוראגאנען,
דו ווייסט ניט פון וואנען,
פארטויבן דעם כארן־געזאנג:
אן אנזאג דערפילט־זיך
דער מדבר צושפילט זיך
און שטארקער ווערט גלאקן געקלאנג.

באלד קומען פון וויטן
אויף פערד אנצורייטן,
שטאפעטן אין וויסן געקליידט:
מיט טויזנטער זונען,
מיט שופרות און פאנען,
מיט פרייהייט און פריידן באגלייט!

און טויזנט לשונות
אנזאגן אז שוין־איז,
צוקונפט־שטאט איז אפן — ווי ברייט!
פון אלע פיר עקן,
אן גרעניץ, אן שרעקן,
הין שטראמט ער, דער ניי־איד מיט פרייד!

מיט קראנצן און בלומן,
ווי כוואליעס זיי שטראמען,
מיט פאנען און פלאקערס, — א פראכט!
און חושך צוצינדט זיך,
דער דארן צוגרינט זיך,
אויך פחד האלט מער ניט די נאכט!

דו ווייסט ניט פון וואנען,
זיי שפאנען און שפאנען,—
קיין ציון און ס׳קינד אין פאָרויס:
ס׳איז ניי־איד דערהויבן
דורך פרייהייט און גלויבן,—
פון אפגרונט אט וואקסט ער ארויס...!

זיי קומען אָן... !

מאַרש! מאַרש! — זיי קומען אָן:
מיט טרומפּייט־רוף, מיט פּויק און פאָן,
פון יעדן אָרט, פון יעדן לאַנד,
פון יעדן שטאָם, פון יעדן שטאַנד:
מיט הערצער, — שטאָל און פריינדס־לוסט,
מיט ריטם־שוואונג, געשטרעקטע ביוסט;
אין רוים זיך טראָגט קאָוואַלרע־קלאַנג:
דעם שמידערס ליד, — אַ מאַרש־געזאַנג!

מאַרש! מאַרש! מאַרש!
זינגען דרייסטע שמידער־יונגען,
אָנגעפּילטע זיינען לונגען:
דאָרט געגידערט, דאָ געהויבן,
ס׳שטאַרקט בטחון, ס׳פירט דער גלויבן ;
ווי אור־אַלטע קעמפער־זיידעס,
זייערע גייסטער זאָגן עדות:
אויף די שלאַכן ביים מאַרשירן
און זיי טייטלען און זיי פירן:

מאַרש! מאַרש! מאַרש!
קומען זיי פון גרויען נעכטן,
ניט מער פּחד פון פאַרקנעכטן,
ניט מער „אפשר", ניט מער „סברה",—
מיט באַגינען קומט די בשורה:
אַלטע סטעמטשקעס, אַלטע שליאַרן,
איצט געטראָטן פון „אַטראַדן":
מכבי׳ער אין מדבריות,
אפצומעקן בראַנד־אכזריות:

מאַרש! מאַרש! מאַרש!
רונד און ראַנד פון ערדן־קיילעך,
ווער פון נאָענטן און מהלך,
קומען זיי און זיין מחדש,
היימלאַנד־ערד, זיי זיין מקדש:

מיט לשונות ניט פֿארשטענדלעך,
דאָך מיט הערצער, ענלעך, ענלעך, —
אין די קאמפֿן אויסגעקאוועט,
ביי די שייטערס אויסגעכאוועט:

מארש! מארש! מארש!
נאָר זיי שפאנען, טאָפּטשען, טרעטן
און עס טוען זיי באגלייטן:
אָט די זיידעס פֿון פֿארצייטן,
אין די קאמפֿן, אין די שטרייטן
און זיי צילן און זיי גרייכן;—
דורך דעם מדבר־זאמד דעם ווייכן,
קומען זיי פֿון טויזנט וועגן—
„שלום־עליכם, ס'איז דאָך אייגן....!״

—אייגן דער גלויבן,
אייגן דאָס בלוט!
אייגן דער גורל,
אייגן דער מוט !
אייגן די טרערן,
אייגן דער ווערט!
אייגן די היימלאנד,
אייגן די שווערד!
מארש! מארש! מארש!
מארש! מארש! מארש!

דאס פיאנערן-ליד *)

—וואס איז עס, ווער איז עס וואס האט אין דער נאכט,
א פאקל געצונדן, פארשקלאפטע דערוואכט
און האט זיי געוויזן דעם ציל אין דער ווייט?
—עס האבן פארפרעמדטע דעם גורל דערקענט,
עס האט זיי דער גורל געשטארקט זייערע הענט,—
אט שטייט דארט א שומר אויף בארג־שפיץ און שרייט:
—ס'איז דער ציל וואס האט גערופן:—
ניט פארשלאפן,
האפן, האפן,
האפן ס'זאל די גאולה זיין:
ס'האט דער ליידן אים דערהויבן
פון די שטויבן,
גלויבן, גלויבן,
גלויבן ס'איז די שעה איצט זיין,
ס'איז די שעה אויך דיין!

—געקומען איז אנזאג וואס האט פון'ם הארץ,
פארטריבן דעם „פרעמדן" געהילטער אין שווארץ,
דעם שטענדיקן „פחדן" געגעבן זיין ווערט!
—ס'האט זינען אין שוועבליגג געהויבן זיין מוט,
געגעבן אים ווערטן דורך פייער און בלוט,
וואס האט אים געלייטערט, געהייליקט זיין שווערד!
—ניין, מיר זיינען קיין פחדנים,
קיין נאראנים,
בנים, בנים,
בנים בנות אין'ם שטרייט
און מיר זינגען פרייהייטס־לידער,
ווי די שמידער,
ווידער, ווידער,
ווידער אין'ם קאמף באגלייט,
אין דעם קאמף באגלייט!

---

*) פאר מעלא־דעקלאמאציע, סאלא און כאר.

—עס שטייען אויף העלדן,—אויך יונגע ווי אַלט,
זיי גאַנצן די רייען ווען איינער נאָר פֿאַלט,
ס׳דערהויבט זיי דער גלויבן וואָס רייפֿט זיי צום ציל!
—געבויגענע גופֿים מיט לאַסט אויפֿן קאַרק,
זיי ציט עס צום אוצר אויף יענעם זייט באַרג
זיי ווייסן עס איז ניט דורך כישוף אַ שפּיל:
—פֿון׳ם עבר קומט אַן עדה,
באַבע־זיידע,
ביידע, ביידע,
ביידע זאָגן אָן די צייט:
צייט צו קומען נאָך ירושה,
שטראָפֿט דעם רשע!
בושה, בושה,
בושה דעם וואָס שטייט פֿון ווייט,
דעם וואָס שטייט פֿון ווייט...!

—וואוהין גייען ברידער מיט פֿרייד און געזאַנג,
קעמפֿער, פּיאָנערן, מיט ריטם און קלאַנג,
העלדן, מכביער געלאָדן מיט פּעק ?
—וואוהין־צו חברים אויף וועגן באַנאַנד,
אויף וועגן באַקאַנטע אין אַלט־נייעם לאַנד,
אויף שליאַכן געטראָטן פֿון זיידעס מיט העק....?

—הין מיר גייען צו באַפֿרייען,
צו באַנייען,
שרייען, שרייען,
שרייען — עם ישראל חי!
און מיר פֿאָלגן זיי, די זיידעס,
שטילע עדות,
עדה׳ס, עדה׳ס,
זיי לכבוד איז כדאי
אַלץ פֿאַר זיי ז׳כדאי!

דער דאָרן אין מדבר (אַלעגאָריע)

דער דאָרן אין מדבר האָט קנאָספּן געבאָרן,
פֿאַרלאָרן
האָט וויסטע דער שטיף־מאַמעס האַרץ.
די ערדישע מאַמע ווערט פֿעטער און שוואַרץ
און פֿריידט זיך
און קליידט זיך
אין אַלע קאָלירן;
די וועגן
און שטעגן,
זיי ווייזן און פֿירן:
צו אור־אַלטע היימען, צו נעסטן און וויגן,
צו קאַמפֿן, נצחונות, — די העלדישע זיגן,
וואָס זיינען פֿאַרשריבן מיט בלוטן און שווייסן,
פֿון יונגען וואָס ווייסן,—זיי ווייסן:
אַז בריקן פֿון אונטן, זיי זיינען פֿאַרברענטע
אַז וואו נאָר זיי ווענדן, זיי זיינען דערקענטע,
פֿון אונדזערע אבות, — די באָבעס און זיידעס
פֿון אור־אַלטע צייטן—די איינציקע עדות
פֿון אַלץ וואָס פֿאַרשריבן, פֿון אַלץ וואָס געשעען.
זיי האָבן געזען:
די וועלט וואָס פֿאַרגאַנגען. די וועלט וואָס פֿאַרלאָרן.
זיי האָבן געזען דאָס ווידער־געבאָרן,—
ווען היינט האָט פֿון נעכטן אַ גליד אָפּגעריסן;
פֿאַראַנען אמונה, זיי נעמען אָפּ גריסן
פֿון בנים און בנות — די שומרים די נייע!
זיי זיין מקבל־פּנים די אייביקלעך טרייע:
מיט ברכה פֿאַר מעשים און גרויסער גבורה—
ס׳האָט גורל גע׳חתמ׳עט, קיין ספֿקות, קיין סברה !

דער דאָרן אין מדבר האָט קנאָספּן געבאָרן:
די נעכטיקע ווערטן דורך דורות פֿאַרלאָרן,
איצט ווערן געריסן פֿון חיה׳שע ציינער,

פֿון מדבר־שאקאלן, פֿון טרוקענעביינער,
פֿון זאמדן און זומפּן פֿון צייטן פֿארבליבן, —
זיי ווערן געזאמלט, ווי פּערל געקליבן:
פֿון ברוסטיקע יונגען, די קינדער פֿון גלות,
די קינדער וואָס וויסן פֿון אַלע בהלות:
פֿון שקר און בראַנדן, פֿון שוואַרצן אבלות,—
זיי טובלען זיך איצטער פֿון גלות נבלות:
אַט זעט מען זיי קומען פֿון אַלע פֿיר עקן,
מיט האמער און קאָסע, מיט שווערד און מיט שטעקן :
אַ היים צו באַשיצן די ערדישע מאַמען
געשלאָסענע רייען צוזאַמען, צוזאַמען:
מיט פֿרייד און בטחון מיט פֿרילינג געזאַנגען,—
מען הערט זיי די עכאָס, מען הערט זיי די קלאַנגען!

און ס'טאַנצן די קינדער דעם „הוירא" ביים דאָרן...
דער דאָרן וואָס פּלוצים איז פּאַלמע געוואָרן;
צעבליט און צעוואַקסן מיט פֿרילינג און לעבן;
דאָס האָבן די יונגען דעם לעבן געגעבן:
דורך וואַרימע בלוטן, פֿון הערצער די וואונדן;
עס האָט זיי דער שטאַם צו געשיכטע געבונדן.. !
געזעטיקט האָט ערד זיך, געטרונקען האָט דאָרן,
דער דאָרן וואָס האָט איצט די קנאָספּן געבאָרן,
מיט מזל און ברכה אבלות פֿאַרלאָרן...!

און ס'פֿרייען זיך מאַמעס, עס פֿרייען זיך טאַטעס,
באָבעס און זיידעס, פֿאַרלאַטעטע לאַטעס:
„נישקשה, נישקשה," דאָס הערט מען פֿון זיידן—
„עס וועט נאָך דער מאָרגן מיט זיידנס באַקליידן"..

ס׳שווימט א שיף

א שיף אויפן ים מיט מאסט־בוים און רודער,
דער שיפס־קאפיטאן אן אייגענער ברודער,
מאטראזן, פאסאזשירן,—צוזאמען א קייט:
זיי ציט צו א האפן מיט ברכה באגלייט,
איינמאנען ירושות פון אור־אלטע צייטן,
זיי זיינען עס תופס, זיי ווייסן באדייטן:
זיי זיינען געדייפטע, דורך פייער גערייניקט,
עס האט זיי דער גלויבן אין מארגן, געאייניקט,—
געמיינזאמער גלות,—דער אייגענער פייער,
האט טיף אין די הערצער אויסגעקריצט — „פרייער!
פרייער צו לעבן און ליבן געזאנגען !
„פרייהייט צו האבן הארצנס־פארלאנגען!
„פרייהייט צו בויען און זייען און פלאנצן!
„פרייהייט פאר קינדער צו לעבן און טאנצן!

א שיף אויפן ים וואס פירט צו א האפן:
געבראנדיגטע ברידער געסטעמפלט ווי שקלאפן,
מיט הערצער ווי בעכער מיט טרערן פארפילטע,
מיט רוחות און שדים, מיט אלע געשפילטע,
מיט יעדן געטרונקען פון בעכער די טרערן,
מיט יעדן געזונגען ס׳געזאנג פון ניט־ווערן...
פון מתים די בערגער אן נעמען, אן ארון;
פון גסיסה דער כארכלען נאך ליגט אין זכרון,—
דאס אלץ איז פארשאלטן, ס׳א וויסטע בהלה!
דאס אלץ האט געאייביגט דעם גלויבן אין גאולה!
דעם זינען פון מארגן אין הארץ איינגעקריצטער!
דאס רייסט זיך פון הערצער, אט איצטער, אט איצטער!—
ווען שיף אויפן ים וואס הויבט זיך און ווארפט זיך,
ווען שטורם רייסט זינען וואס לייטערט און שארפט זיך
און אלץ איז געהויבן און אלץ איז געזעליגט... ... ...
ס׳איז יעדער געדעכעניש איצטער געהייליגט!

און ס׳אקערט די שיף איצט די כוואליעס ווי גרידעס,
אויך מייוועס אומפליען און מאכן מרידות:
זיי האבן פון ווייטנס האריזאנטן דערזען;
עס האט זיי די גאולה מקדש געווען,
מיט גינגאלד באלויכטן מיט קדושה־געזאנגען,
סימפאנישע טענער פון סערפן און שטאנגען: —
דאס איז עס דער אנזאג פון מייוועס אין שטורעם,
דאס איז עס דער אנהויב, עס זעט זיך דער טורעם,
אן אייגענער מעקא, אן אייגענער גליק!
פארברענט זיינען בריקן, קיין וועגן אויף צוריק!—
פארוים מיינע ברידער, מאטראזן, קאפיטאן,—
עס איז נאך א מארגן פאר וואגלער פאראן!

מיין נייער אדרעס.

„יענקל בטלן״ רופט מען מיך, כ׳בין א גלות־קינד:
פארטראכט, געבוירן און דערצויגן, ווי א צופאל אין׳ם ווינט.
מיין אדרעס? — א לאנד, א שטאט, א הויז מיט א דאך,
אין א גאס צווישן שטיבער, א סך, א סך,
מיט שכנים, אזוי ווי איך און דו,—
מיט גארנישט מער אין געדאנקען ווי א ביסעלע רו
און א מאל א לאך, א שטיף און א געשריי,—
ווי זיי דארט מיינע שכנים, זיי.

בין איך הייסט עס „יענקל בטלן״, א גלות־קינד,
סתם אזוי ווי א בלעטל אין׳ם ווינט,
אפילו פון אן אלטן דעמב ווי מיין שטאם איז געווען:
ווער האט דען נישט דעם דעמב געקאנט און געזען ?—
ס׳זיינען צווייגן אפגעבראכן און פארטריקנט,
ס׳זיינען פייגל פון די נעסטן הפקר און פארציקנד...
אבער שטאם בלייבט שטאם,
ס׳איז נישט סתם א וויינענדיקע ווערבע, ס׳איז נישט סתם...

איך, דער „יענקל־בטלן", בין אויך אַ קינד פֿון פּראָגרעס —
וואו איך וואוין? — איר ווייסט שוין מיין אַדרעס;
און וואָס איך מאַך און טו?—
נישטאָ קיין רו, נישטאָ קיין רו.
„יענקל־בטלן" מעג מען יאָגן.
„יענקל־בטלן" מעג מען זאַפּטן פֿון די ביינער אויסנאָגן.
זיין יעדער טראָפּן בלוט און אטעם־צוג,
ווערט נישט געוואויגן און געמאָסטן אויף מאָס און וואָג;
ווײַל איך נישט — צו דאַרף איך זיין מלאך אדער מענטש:
כ'לעב און בין שטערבליך, שעלט און בענטש
ווי זיי דאָרטן, זיי — די פּריסטער פֿון פּראָגרעס,
די וואָס היטן מיינע זיטן און באַשטימען מיין אַדרעס....

כ'בין אַ גלות־קינד און אַלץ איז ביי מיר פֿאַרשריבן,
נישט ווי פּערל זיינען מיינע טרערן אויפֿגעקליבן.
יאָרן האַלב־פֿאַרגעסענע, אויפֿגעוואַכטע אין זכרון,
יאָרן לאַנג־באַגראָבענע, אָן מצבה און אָן ארון,
וואַכן אויף באַפֿליגלטע;
ביכער מיינע מיט געשיכטע אויפֿגעריסן, אויפֿגעזיגלטע,
דערמאָנען מיך, דעם „יענקל־בטלן", אין מיין נאָמען:
ס'איז געשיכטע פֿון מיין שטאַם און יחוס—זאָג איך אָמן...

כ'וויל נישט מער אַלעמענס זיין און קיינעמס נישט!
קיין איינעמס נישט!
אַלץ וואָס ס'איז אייגנס און גערעכטליך מיין, וועל איך שווערן
ס'זאָל מער נישט זיי געהערן,—
אָט די פּריסטער פֿון פּראָגרעס,
די וואָס היטן מיינע זיטן און ב אַ ש ט י מ ע ן מיין אַדרעס...!

נעם איך טראַכטן וועגן תכלית, פֿאַר מיין גייסט אַ תיקון.
טראַכט איך פֿון נסיונות און פֿון שטענדיקן זיך ביקן.
טראַכט איך, „יענקל־בטלן", מיט אַלעמען צוגלייך:
כ'בין דאָך אויך מיט עשירות און מיט יחוס רייך.
ס'קלאַפּט אויך מיין האַרץ, יאָ, ס'איז קיין אַנדערנס ווי מיין,
אַ האַרץ ווי זיין און זיין,
מיט אַ ריטם און מיט טאַקט:
אַ האַרץ וואָס זאָגט מיר, אַז מיין דאָ־זיין איז אַ פֿאַקט.

אַז זיך זעלבסט־געפֿינען, באַפֿרייט
פֿון׳ם אייִנגערעדטן פּחד, פֿון׳ם אינערליכן שטרייט.
אַז „יענקל־בטלן" וועט מער נישט זיין אַ גלות־קינד!
נישט מער נע־ונד זיין אין דעם ווינט!

לאַז איך זיך אויפֿ׳ן וועג אַהיים און עס פֿאַלט אויף מיר אַ שטיין.
ס׳איז דער שטיין, וואָס זאָגט מיר אָן, ווי ווייט צו גיין...
מיט האַק און פּאַק,
מיט מיין לעבעדיקן גלות־זאַק
און מוז אַלץ שומר זיין אויף דער וואַך,
מיט מיין גלות־צער און מאַמע־שפּראַך ;
אַ נפֿקא־מינה פֿון וועם,—
פֿון דעם און דעם;
צו וועלכן לאַנג ברייען? — מיין גלות־אוי איז דאָך לייכט צו פֿאַרשטיין....
גאַרטל איך מיינע לענדן אָן, און איך האַלט אין איין גיין,
דאָס זאָג איך, „יענקל־בטלן," איז אויך פּראָגרעס,
אויף די שליאַכן, די וואָס פֿירן צו מיין אייגענעם אַדרעס !

איז וואָס?
איז שטרוי מיט גראָז,
פֿאַר דעם בטלן וואָס איך בין:
מיט דריי טעכטער, זיבן זין,
פֿאַר וועמען דמיון און שבת־רו, איז געווען אַלץ ביז אויס, —
אַזוי קליין קאָן איך, זיין, אַזוי גרויס.... !

שעם איך זיך פֿאַר מיין „בטלנות," פֿאַר ווייב און קינד
אַצינד :
ס׳איז אַ בושה מיר, נישט צו זיין מיט מענטשן גלייך:
אַזאַ ווי איך, וואָס איז אויכעט גרויס און יחוס־רייך
און גן־עדנ׳דיק ריין,
און מיט יראת־הכבוד זעסט מיך דאַווענען גיין...
און וועגן זייער יחוס,
ווייס איך עס:
אַז אַלץ איז זיי אָנגעקומען פֿון מיין זיידנס אַדרעס
און זיי רופֿן עס — „אַן אייגענער פּראָגרעס"

האָט דער ווינט פֿון וועג מיך א גרוס געבראַכט:
„דיין ווידער־געבורט, ר׳ יענקל, איז אויפֿסניי פֿאַרטראַכט,
מיט דיין קיום, מיט דיין גאַנצן געביין, —
נאָר נישט וויינען זאָלסטו יענקל, נאָר נישט וויין...״

גלייכט ר׳ יענקל זיינע פּלייצעס אויס
אין זיין גאַנצע גרויס:
ס׳מאָנט אַצינדער ר׳ יענקל דרך ארץ פֿאַר זיין שטאַם!
זאָל מען וועגן אָפּרוימען, זאָל מען וועק נעמען פּלויטן און צאַם!
ס׳גייט ר׳ יענקל אַהיים אַצינד פֿון׳ם גלות און מיט רום:
נישקשה ס׳מעג אויך זיין ר׳ יענקל אַביסעלע געבויגן און לום...
אָבער היים איז היים מיטן גאַנצן קלאַפּער־געצייג!
אָן א געטאָ־וואַנט און אָן א שטייג!
ס׳איז ר׳ יענקל מער קיין „בטלן״ נישט, אָ, ניין!
ס׳איז ר׳ יענקל נישט מער אַליין!—
שרייבט אייך איין אין ביכעלעך, איר פּריסטער פֿון פּראָגרעס,
די אויף אַלע קאַנטינענטן—ר׳ יענקל׳ס נייעם אַדרעס!!

דער סך הכל

I

אין שאַטנדיקע ווינקלען ווען נאַכט פֿאַלט צו,
ווען אַלץ אין רואינען־שטאָט אַהיים גייט זוכן רו,
זעט מען הויבן זיך געשטאַלטן:
ס׳זיינען גייסטער צווישען חורבות באַהאַלטען
און זיי קומען איינציגווייז פֿון דא און דאָרט —
ס׳האָט קיין נאָמען ניט דער אָרט,
לאַנד־צייכען אדער שפּראַך,
הערסט קיין וויינען ניט, שטיפֿערייען אָדער לאַך.

און זיי קומען נאַקעטע ווי אין צייט פֿון בראשית,
אָפּגעשטעמפּלטע מיט נומערן און מיט רשעות,
דאָס איז געווען און קאָן נאָך זיין:
ס׳זיינען קרובים מעגלעך דיין און מיין
מיט נשמות געלייטערטע,
די פֿון ערד דערווייטערטע, —

דאָס זיינען זיי אויפֿן וועג צום רבונו של עולם,
וועגן פייניגונג און וועגן גולם,
וואָס שפּרייזט די ערד רחמנא־לצלן און רעגירט,
וואָס פֿירט דעם אפּגענאַרטן כּלל אָרום און פֿאַרפֿירט
מיט אַן אויסגעקרימטן גרימאַס,
מיט באַהאַלטענעם פֿאַראַט און האַס,
שטענדיג נאָר מיט רוגזה, אָן רחמים און אָן דין
און ס'ווייסט עם קיינער קיינמאָל ניט וואוהין
ווי ווייט און ווי לאַנג,
ס'קאָן נאָך דויערן זיין גאַנג....

טיילט זיך אויס אַ זקנה פֿון אַלעמען אָרום,
אַ באַבינקע, און קרום איז זי און לום
און אין ציטערדיקע פֿינגער־ביינדלעך אַ צוריסן האַרץ זי טראָגט,
ס'איז אַלץ וואָס ס'איז פֿאַרבליבן איר, ס'איז אַלץ וואָס זי פֿאַרמאָגט,—
אַ צאַפּלדיגעס, נאָך וואַרים און מיט לעבן,
וואָס גאָט אַליין האָט איר געגעבן....
זי וואָלט עם כּביכול ברענגען ס'זאָל דאָרט עדות זאָגן
און שפּעטער־צו, זיין מאַיעסטעט פֿרעגן—ווענען אַנצוקלאָגן,
ער זאָל ענטפֿערן ווער עס האָט דעם ערדישן גיהנום רעגירט,
ווער ס'האָט אַלץ אין בלוט דערטרונקען — ווער האָט
דאָס געזען און געשוויגן אויב ניט ער, — גאָט....?!

II

דער סך הכל איז געמאַכט און דער תוכן זאָגט גאָרניט.
פֿון מיין שלעכטן שכן פֿעלט קיין האָר ניט.
אַפּאַטיש ציילט דער קברות־מאַן די פּאָסיקלעך און נולן,
סילועטען צווישען חורבות איינגעהילט אין טיולן,
זוכן אום געדעכענישן פֿון אייגענע און פֿריינט.
די פֿון נעכטן אָפּגעשאָפּענע, פֿאַרגעסענע פֿון היינט.

לאַקאָניש ענטפֿערט יעדערער און גלויבן ווערט אויסגעלאַכט,
מעפֿיסטיש קייכט אַן איידלמאַן — „אַלץ איז אויסגעטראַכט,
„ס'איז קיין עיקר ניט פֿאַראַן און קיינמאָל ניט געווען,
„גאָרניט איז געווען צו זען,
„ס'האָט שווערד בלויז אַ שטיף געטאָן אין „פֿרעמדנ'ס האַנט"—
ווי באַקאַנט דאָס איז, ווי באַקאַנט....

דער סך הכל איז געמאַכט און די אַלטע מאַסקע פֿאַלט
און כ׳ווייס עס אַלץ ניט וואו איך האַלט,
וואס ס׳זאָל אַצינד מיין אמונה זיין, אַז עברה ווערט באַלוינט,
אַז רוצח בלייבט געקרוינט,
אַז אחריות איז ניטאָ און קיינער דעקט דעם חוב—
וואו־זשע ליגט דער אָנהויב פֿון׳ם סוף?
וואו זאָלן זיך מיינע בליקן ווענדן, וואוהין מיינע טריט?
אויף וועלכן בערגל, פֿון אייגענע כאַטש אַ גליד?
וואו ליגט דער אָנהויב פֿון׳ם כישוף־לאַבירינט. זיין אויסלאָז ?
ס׳איז פֿון צער און צאָרן דער אויסגאַס
האַלב־פֿאַרשווּיגן.
דער רויז־געפֿאַרבטער, מאַסקירטער ליגן
רופֿט צו קריגן. קריגן.

III

האָט אַ שטראַל פֿון אמת אין׳ם מדבר זיך באַוויזן:
ס׳האָט דער חושך זיך צעצונדן און עס וועקן זיך ריזן!
ס׳האָבן וועגן אויפֿגעעפֿנט טויזנט שליאַכן!—
וואַקסן אויס דאָרט פֿאָלקס־אַרמייען און זיי וואַכן, וואַכן!

באַפֿעקלט און באַלאָדן, גייט דער וואַנדער־וואָגן באַרג אַרויף מיט געפּעק,
מיט זעק, זעק מיט ירושות אַנגעפֿילטע;
ס׳קומען צוריק די גלות־קינדער, אָט די האַלב־פֿאַרשפּילטע
ניט מער דעם נאָמען צו פֿאַרלייקענען און אויף אַ אוראַגאַן וואַרטן !
ניט מער איינצוגראָבן יעדן געדאַנק אַ צאַרטן !
ס׳וועלן זיין און אייניקלעך חובות איצט איינמאָנען,—
מעג עס זיין מיטן שופֿר־בלאָזן, ס׳מעג אויך זיין מיט פֿלאַטערדיגע פֿאָנען!
און מיט הערצער פֿון שטאָל און אייזן געשמידטע !
ס׳מעג אויך זיין מיט בלוט־פֿאַרלאָפֿענע אויגן צוגליטע!
און מיט נעגל און ציין, אין׳ם גולם׳ס האַלדז זיך איינצובייסן !
און מיט גוואַלד די זון פֿון׳ם הימל־שייד אַרויסצורייסן
און אין אַלע שאָטנדיקע ווינקלען, שטראַלן צוטיילן,
זי זאָל אויף גלייך די קינדער פֿון׳ם מאָרגן היילן,
אַז מענטש זאָל אַנגעמען מענטשליכן געשטאַלט !
אַז דער שוואַכינקער, אָט דער וואָס פֿאַלט,
זאָל אויפֿשטיין קענען און באַגערן,—
אַז ממשלה פֿון׳ם גולם זאָל דאָך אַמאָל אויפֿהערן !

שטרעק איך אויס מיינע הענט צו אייך פֿון ווייטן!
כ׳קאָן עס תּופֿס זיין און איך ווייס זיי, די באַדייטן!
ווינטש איך מזל־טוב אייך זקנים און אויך קינדער אין די וויגן!
מזל־טוב דיר ציון־ערד, וואו אור־אַלטע באָבע־זיידע ליגן !
מזל־טוב צוויי־טויזנט־יאָריגער, אויפֿוואַכענדער גיגאַנט !
מזל־טוב דיר, אויסגעבענקטעס לאַנד — מיין לאַנד... ! !

אַ ריז איז אויפֿגעשטאַנען

אַ צוויי טויזנט־יאָריקער גיגאַנט
אין מיין פֿאָטער־לאַנד,
איז „תּחית המתים״ אויפֿגעשטאַנען.
אָטאָמען, באַנען,
האָט ער אָנגעטראָפֿן.
ס׳האָט דער ריז געדרעמלט און די צייט איז זיך געלאָפֿן

ווען דער דורות׳דיקער ריז איז אויפֿגעשטאַנען
און גענומען שפּאַנען, שפּאַנען
גלידער צו באַוועגן,
האָט ער „טשוכענדיק״ באַגעגנט די גערעגן;
אויף אַלע שליאַכן און די שלענגלדיקע וועגן,
האָט ער געזען — באַטרונקענע פֿאַרכלינעט.
הונגעריקע פֿאַרסלינעט.
אויך דאָס הויבן זיך און קראַכן.
היינט דער וויינען און דער לאַכן
אויסגעמישט מיט שטילע ווייען
און פֿון אַנדערע דאָס ברימען און געשרייען;
סאַראַ ווירוואַר און געטימל
און אויף בלוטיק רויט געפֿאַרבן זיך האָט הימל
און געזען צווישן וואָלקנס, שפּאַרבערס אייזערנע אומפֿליען
און מענטשן־קינדער שלוכצנדיק זיך מיען
פֿאַר דעם רבונו של עולם אפּצושטעלן די בייטשן,—
ניט פֿון דייטשן מער, ניט פֿון דייטשן,
נאָר פֿון אייגענע וואָס שמייסן, שמייסן
און זיי רייסן

ס'האַרץ פֿון זיין אויסדערוויילטן פֿאָלק אַרויס,—
וואָס איז קלענער נאָך ווי קליין און גרעסער נאָך ווי גרויס...!

וואַנדערט דער גיגאַנט אַרום און פֿון אַלץ וויל ער וויסן,
וויל דערלערנען וואָס צוויי טויזנט יאָרן האָט פֿון זיין געשיכטע אַרויסגעריסן

שטייט דער ריז און מעסט די אָרגאַנען—
די מענטשן־קנוילן, די פֿון דאָרטן און פֿון דאַנען;
אַ שרעק,—אַ וויסטע פּאַנאָראַמע!
ברידער, שוועסטער, טאַטע־מאַמע,
קינדער קליינע, אַך, צעבלוטיקטע!
ביינדאַלעך טרוקן און צעגלוטיקטע
און אויף די בערגער פֿון יהודה די טראָמפּייטן שאַלן.
און די מענטשן־קינדער,—קלעטערן און פֿאַלן,
קלעטערן און פֿאַלן;
אַזוי ווי נעכטן, אַזוי איז היינט...
ווער איז אייגענער, ווער איז פֿיינד?
און די שומרים די וואָס וואַכן. וואַכן.
און די אַנדערע מיט ציינער־קריץ און די וואָס לאַכן. לאַכן.
און מיט בלוט איז דער געלעכטער;
דער געדעכטער
איז פֿאַרלאָזן און פֿאַראַטן.
דער הונגעריקער דעם זאַטן
שעלט.
און דער שטן אין צילענדער־הוט פֿון ווייטן קוועלט
ווען אַלץ ווערט אָפּגעווישט און פֿאַרגעסן
און פֿון עלנט אויפֿגעפֿרעסן.

האָט דער ריז דעם זקן „פֿאָטער־צייט“ באַגעגנט:
—„זיי מיר מוחל אַלטער, איך האָב זיך ניט געזעגנט.
זאָג מיר זיידעניו, וואָס איז אַזוינס געשען?
ווער האָט דען, זאָג, אַזוינס אַמאָל געזען“?—

האָט דער אַלטינקער דעם פֿאַרהאַנג ברייט צעצויגן:
זיינען אויגן
פֿון׳ם ריז טרערנדיק געוואָרן:
—„שחיטה
האָט דאָך שליטה!,
ס׳איז דער וואָס איז גערעכט אַצינד גערעכטער
און דער שלעכטער, שלעכטער...״

איז דער ריז געזונקען אין טיפֿן טרויער
און זיין פּנים, דאַכט זיך גרויער. גרויער.
זוכט ער פּנים׳ער באַקענטע,
די אַפּגעווענדטע
פּאַטריאַכאַלן פֿון זיין צייט:
זאָלן זיי, עס אים דערקלערן—דעם באַדייט
פֿון די מענטשן־שטייגן, זייער קלעטערן און פֿאַלן —
טייטלען די פּאַטריאַכאַלן:
אויף די קרייציגער און געקרייציגטע.
אויף צעבלוטיקט און צעווייטיקטע.

קלאָגט און ס׳גרילצט דער ריז:
„דער גאָט פֿון ישראל וואו איז?!
„ווער קאָן עס תופֿס זיין, ווער קאָן עס אַלץ פֿאַרשטיין?!״
טוט ער ווייטער גיין:
אַלטע סטעטשקעס, אַלטע שליאַכן;
ער וואָלט עס אַלץ אפּגעלייקנט און אויסלאַכן,
ווייסט ער ניט, ווער עס איז אַצינד זיין האַר:
״ס׳איז קיין דין־תורה ניט, ס׳איז גזר...!!
״ס׳איז פֿון בלוט דער ים אָן אנגעפֿילטער...!
״מיט לוסט און תאוה שטייט דער מענטש דאָרט אַ צעשפּילטער!
„און די אַנדערע אין טליתים בעטן גאָט,
״אים, דער וואָס האָט
״דאָס אַלץ באַשאַפֿן און אָפּשאַפֿן קאָן ער ניט !
״און אָפּשאַפֿן וויל ער ניט!
״צוויי טויזנט יאָרן און אַזוי פֿיל אויסגעמיטן,
״דאָך קיין ברעקעלע געביטן, —
״זאָל עמיץ מיר, דעם גזר באַשיידן, דעם באַדייט,
„וואָס איז עס פֿאַר אַ תקופֿה, וואָס איז עס פֿאַר אַ צייט...?״

אויסגעוואַקסן ביי זיין זייט איז דער זקן,
„פֿאָטער־צייט," אָט, אָ, דער מיט דעם קרומען רוקן,
מיט דער קאָסע און זיין שעה'ן־גלאָז:
„ווייס איך וואָס,
„ווייס איך וואָס,
„הי! הי! הי!
„האַ! האַ! האַ!
„נאַ דיר גאָר אַ שפּאַס אַזאַ..."

ברייטער אַלץ, האָט דער זקן פֿאַרהאַנגען צעצויגן:
פֿריידיק־זינגענדיקע אויגן,
האָבן זיך אין'ם חושך צעצונדן:
עס הייבן זיך די וואונדן
און דורך גלויבן
דערהויבן
און מיט שווערדן און מיט שפּיזן:
„נאַ דיר מכבי'ער! נאַ דיר ריזן!
„נאַ דיר קאַמף! נאַ דיר קריג!
נאַ דיר, נאַ דיר זיג!

לידער־קראַנץ

אויף א רעגנבויגן.

I

כ'האָב מיין מזל אָנגעהאָנגען
אויף אַ רעגנבויגן,
אָדלער־פליגלען זיך באַהאַפּטן
און מיט זיי געפלויגן:

העכער, העכער איבער וואָלקנס,
נענטער צו די הימלען:
וויזיעס האָב איך דאָרט געשטאַלטיגט
אין מיין אייביג דרימלען.

נ'אַז איך האָב אַמאָל באַגעגנט
פליענדיקע שוואַנען,
ווי אַ פרעמדער ניט באַגריסט זיי,
ניט געפרעגט פון וואַנען.

ניט געפרעגט זיי—וואו, צו וועמען,
וואו זיי רוען, נעסטן
און פאַרוואָס דער פליגל־פלאַטער,
האָבן זיי צו קעסטן...?

II

ס'האָט מיראַזש אַזוי גענאַרט מיר
און פאַרנאַרט וואָס וויטער:
נאָכגעיאָגט דעם „בלויען פויגל"
און די כישוף־רייטער

און מיט אויסגעבאַרגטע פֿליגלען
העכער זיך געהויבן:
כ'האָב פֿאַרגעסן אַז דער אָדלער,
שטענדיג לעבט פֿון רויבן...

און אויף זיינע פֿעלזן־שפּיצן
היים פֿאַר זיך געשאַפֿן:
כ'האָב פֿאַרגעסן אַז די שררות,
ליבן שטענדיג שקלאַפֿן...

כ'האָב פֿאַרגעסן צייט און יאָרן,
אייגענע געשיכטע:
אַלץ געזען אין מיין שיכרות,—
נאָר ניט די פֿיילן געריכטע

האָבן פֿליגלען אויסגעשפּרייטע,
פֿליענדיק געבראָכן
און די דערנער אין מיין פֿאַלן,
ס'האַרץ מיינס דורכגעשטאָכן....

בין איך יתומדיק געלעגן
מיט די הענט צעפּירטע:
ווי אַ בלינדער און מיט פֿינגער
ציטערנדיק וויברירטע:

אין'ם חלל אומגעזוכט דאָן
עפּעס אָנצוהאַלטן;
האָט סאַרדאָניש אַלץ צעלאַכט זיך!
שקר איז באַהאַלטן...!

דאָן האָט פֿאָן, די רויט־געפֿאַרבטע,
אין'ם האַרץ געבלאָסט זיך:
ס'האָבן ווערטער אויפֿגעשריבענע,
דעמלט זעלבסט געהאַסט זיך.

כ'האָב דערמאָנט זיי, די הבטחות:—
ברידער, היתכן...,
כ'האָב די פֿאָן דאָך הויך געהאַלטן,
גלויביק, מיט בטחון...?!

3

אַזוי האָט שטענדיק מיך מיין מזל
רוגזה׳דיק געשטויסן:
ס׳האָט געפּרייט מיך פרעמדער נחת,
נ׳שטענדיק נאָר פון דרויסן...

און פון פרעמדע רויזן־גערטנער,
רויזן שטעטס געריסן
כ׳אַז אַ שטעכל האָט פאַרוואונדעט,
האָט געוויינט געוויסן...

האָב אים פּלוצים וואו באַגעגנט
פּנים׳ער באַקענטע:—
ברידער מיינע אין אבלות,
אויגן אָפּגעווענדטע...

און צווישן זיי, מיין ברודער דוד,
אויגן מאַטע, שטאַרע,
ריפּן־ביינער אויסגעשטאַרצטע,
פינגער־ביינדלעך דאַרע....

כ׳האָב פאַרשעמט זיך פאַר מיין ברודער
און מיין האַנט געשטרעקט אים,
ס׳האָט מיין ברודער נישט דערקאַנט מיך,
גאָרנישט האָט געוועקט אים:

נישט די טרערן, נישט מיין טרויער,
נישט דער זעלבער יחוס;—
וואו קאָן אַנדערש זיין מיין גאַנג איצט,
דו ווייסט עס,—ווי ווייס־איך־עס.... ?

ס׳איז דער גאַנג פון דיר מיין ברודער
אויכ׳עט מיין ווי דיינער—
דאָרט וואו מיינע ברידער גייען,
איז דער וועג אויך מיינער... !

מאמע-ערד

די ערד האָט צושפּילט זיך, די מאַמע איז פריילעך,
אויך קנאָספּן אויף ביימן געקושט פון דער זון
און מאַמע שיקט גרוסן העט, ווייט אויבן־אָן,—
צום פאָטער, דעם איינציקן מלך:

„די קינדער זיין רואיק אין בויך פון דער מאַמען,
פאַרגעסן ז׳דער נעכטן, פאַר מאָרגן קיין זאָרג,
די מאַמע קאָן געבן אויך פריידן אויף באָרג,—
די קינדער אַנטשלאָפענע רוען צוזאַמען...

פאַרגעסן, פאַרגעבן,—ס׳ווערט מאָרגן געבוירן !
דער נעכטיקער פלאַטער גייט לאַנגזאַם פאַרלוירן,
ס׳האָט ערד זיך צועפנט און אָטעמט אָפּ פריי...

די נעכטיקע דערנער זיך צירן מיט בלומען,
אויף גאַסן די קינדער, ווי בינען זיי זשומען, —
ס׳האָט מאַמע געליטן, געוועהן איז כדאי...!

קינד אין שטורעם

האָט עמיץ באַגעגנט אַ קינד אַ צעוויינטעס
און פּלוצים אַ שמייכל געמישט מיט אַ טרער,
ווען צופאַל באַווילינט דעם קינד׳ס אַ באַגער?—
דאַן טרערן און שמייכל וואָס שטענדיק באַ׳חנ׳ט איז,

דערמאָנען אין שטורעם, אויף שויבן דעם רעגן,
ווען פּלוצים דער שטורעם ברעכט איבער און שטיל:
די זון אַ צעשטיפטע הויבט אָן דאַן אַ שפּיל,—
אויך דאַן קאָנען שויבן דערציילן וואָס דערוועגן:

אַ מעשה פון פריידן געמישטע מיט צער,
נאַטור געגן שויבן ווי שקלאַף און זיין האַר,—
אויך שקלאַף קאָן פאַרגעסן די וואונדן פון שמייסן:

אַזוי אויך דאָס קינד אין׳ם וועלטעלע קליין,
עס קאָן נאָך ניט ריידן, עס קאָן נאָך ניט גיין,
עס פילט די קאָנפליקטן פון קושן און שמייסן...

אט אזוי :—

I

האסטו, דארפסטו ניט אויסבארגן.
ביזטו, האסטו אויך א פריינט.
טראכסטו, טראכט ניט פון דעם מארגן,
ווען דער עיקר איז דער היינט...

ווילסטו טאנצן, טאנץ און דריי זיך.
ווילסטו זינגען, זינג און לאך.
ווילסטו טרינקען, טרינק און פריי זיך.
ווילסטו ווארטן, ווארט און קראך.... !

ס'איז דער לעבן נאר איינמאליק.
ס'איז דער לעבן נאר איינצאליק.
קאנסט פון מארגן
ניט אויסבארגן,
מארגן צאלט דיר ניט פארויס.
ווילסטו קלוג און איינגעשפארט זיין,
פון דעם שטן אפגענארט זיין,
ווייס אז גארניט
ז'ווערט א הארניט
קאנסט ניט גרעסער זיין ווי גרויס...

II

קעמפסטו, זאלסטו אויכ'עט זיגן.
זיגסטו, היט אפ דעם פארמעג.
מוזטו, מעגסטו זאגן ליגן.
דארפסטו, יאג זיך אין געיעג.

יאגסטו, זאל זיין וואס צו יאגן.
כאפסטו, האלט עס פעסט אין האנט.
ליבסטו, זאלסטו עס אויסזאגן,—
בלייב ניט ביי דער בלינדער וואנט....

נאַכט ווי מאָרגן, טראַכסטו. זאָרגסטו.
האַנדלסט. וואַנדלסט. נעמסטו. באָרגסטו.
זעלטנס פּרעגסטו:
דאַרפֿסטו מעגסטו
שלאָגסט און קריגסט זיך, ס׳איז אַ שרעק !
פֿאַלסט און הויבסט זיך, שפּאַסטו. לאַכסטו.
שטיקסט דעם ווייטאַג, קרימסטו. קראַכסטו.
זעלטנס ווײנסטו, —
שווינדשע מיינסטו
אַז צו קיין זאַך נעמט אַן עק...?

רעפלעקסן

(אַ ווידמונג)

I

אין דעם האַרץ דיינס איינגעגראָבן,
ליגן ראָבן
און זיי פּיקן אויס דיין פּרייד:
שטעטס מען זעט דיך ווי דו מעקסט זיך
און דו עקסט זיך
און דו שלייכסט זיך שטילערהייט,—
ניט באַגלייט.
ניט באַגלייט.

האָסט געחלומט אין דיין וואַך־זיין:
פֿון דיין שוואַך־זיין
און געאַנקסט זיך טאָג ווי נאַכט,—
האָסט געטראַכט נאָר פֿון דיין ריין־זיין,
פֿון דיין קליין־זיין
און דער שטן האָט געלאַכט, —
טאָג ווי נאַכט.
טאָג ווי נאַכט.

II

זוכסט די אוצרות אויף רואינען
אין א זינען,
זוכסטו די ברעקלעך, רעשטלעך ווערט,—
דאָס פאַרוואָס דו האָסט געוויינט,
האָט באַשטעטיקט
אויף אור־אַלטער היים־לאַנדס־ערד,
אָט די שווערט!
אָט די שווערט!

ראַנגלסט זיך און ווילסט געווינען
מיט דיין מאָגען,
ביי דעם טייוועל וואָס איז שוואַרץ?
קאָנסט קיין לעזונג ניט געפינען
אויף רואינען,
ביז דו רייסט ניט אויס זיין האַרץ,
וואָס איז שוואַרץ!
וואָס איז שוואַרץ!

הערשער פון דער נאַכט (סאַטירע)

I

פריי בין איך, ווינטיק פריי,
שטענדיק יונג און שטענדיק ניי:
כ'האָב פון טאָג זיך אויסגעשיילט,
פון די פלאָגן אויסגעהיילט
און אין בלויער נאַכט אריין:
בין איך הערשער פון דער נאַכט!
כ'האָב אין אייביגקייט געוואַכט!
אייביגקייט איין און אייביגקייט אויס—
גרעסער, גרעסער נאָך ווי גרויס!

כ'בין דער הערשער פֿון דער נאַכט
און אַלץ איז מיין:
דיין און דיין און דיין;
ליגן שטיקער בלויקייט ביי מיינע פֿיס
אַ ציפּ אַ ריס.
אַ ציפּ אַ ריס.
און די נאַכט,—זי הענגט איבער מיין געקרוינטן קאָפּ.
האָפּ־האָפּ !
האָפּ־האָפּ !
טאַנץ איך אין אַ ריידל
מיט אַ מיידל
אַן אַ מיידל
ווי פאַן מיט זיינע קעלבערנע פֿיס:
אַ ציפּ. אַ ריס.
אַ ציפּ. אַ ריס.
נאָר געהוליעט און געוואַכט.
נאָר געלאַכט—
כ'בין דער הערשער פֿון דער נאַכט !

פֿריי בין איך, ווינטיק־פֿריי!
און איך גרילץ און איך שריי
פֿון דער טונקל־בלויער נאַכט ארויס:
איך בין גרויס!
גרעסער נאָך ווי גרויס!
איך בין הערשער פֿון דער נאַכט!
דאָ דערהויבונק — דאָרט געקראַכט.
דאָ געוויינט — — דאָרט געלאַכט.
דאָ מיט טרויער — דאָרט געשפּאַסט.
דאָ געליבט — — דאָרט געהאַסט.

II

פֿריי בין איך, ווינטיק פֿריי,
לאַנקע־גרין, ווי מאָרגן ניי:
כ'האָב פֿון טאָג זיך אויסגעשיילט,
פֿון'ם מסחר אויסגעטיילט;
אַלץ איז מיין!
אַלץ איז מיין!

ברוסטן, שווייסן און פארפיום
וואו איך קום נאר, וואו איך קום,
א צעבראסטעט גאסן־בלום;
וואס מיר יוגנט.
וואס מיר טוגנט.—
קענסטו זינגען, זינג דיין ליד.
און פארפלעכט זיך גליד אין גליד;
זייע זומען. קנייט דיין לייב.
קויף זיך פאר א נאכט א ווייב:
אין פרימארגנס זאג אדיאס!—
ליידיק פלעשל! ליידיק כוס!

ווילסטו שטיל זיין, שטום און שוויינ
און באהאלט זיך אין א שטייג,
פון „מעטאר־ניט" און „מע־מעג",
הער אויף לויפן אין געיעג.
ווילסטו דא־זיין, זאמל כוח.
לעש די פלאמען, דושע רויך:
ריים א שטיק פון נאכט ארויס,
שפרייט זי אויס אין גאנצער גרויס;
דא א פליק און דארט א ריס —
נאר געניס !
ביז אין בלויען טאג אריין.
ביז פארטאג ווארפט ערשטע שיין.
שפעטער טרויער. ששא און שטיל—
ס׳איז א שפיל אזא, — א שפיל:
ווער סע חלומט, ווער ס׳איז וואך.
דא דעם „אכצער" דארט דעם לאך;
טאג און נאכט.
בלייב ניט שטיין און גיי דיין גאנג,—
ס׳איז געזונטער דער געזאנג.
וואס מיר שמערצן, וואס מיר וויי.
קיינער דארף ניט דיין געשריי—
דאס איז לעבן. ס׳איז באגער.
פרעג ניט וואו און פרעג ניט ווער:
בלייב דער אויספרובירטער העלד
ווי דער בוהאי אין דעם פעלד...

III

געבלענדט דורך דער ליכטיקייט פֿון זון
אויבנאָן,
גאַרט מען בלינדערהייט נאָך דער פֿינצטערניש פֿון נאַכט
און אַז עמיץ האָט געלאַכט ?
איז וואָס... ?
איך בין עס דער באַלעבאָס! דער באַלעבאָס !

און זיי וויינען
און זיי וויינען
ביטערן געלעכטער אין אַ ווינקל אויסצוקייכן

רוף איך אין דער ברייט פֿון מיין פֿאַרנעם:
כ׳נעם אין קלעם
שדים רוחות און אַלע שוואַרצע יאָרן
און איך וואָרן
אַז אומעטום בין איך פֿאַראַן—
אויף אַ מייל און אויף אַ שפּאַן:
אַרום מיר — די שטרייטיקייט!
פֿאַרויס מיר — די ווייטיקייט !
אינטער מיר — די גרויליכקייט !
איבער מיר — די אייביקייט !
אייביקייט איין און אייביקייט אויס!
שטענדיק גרעסער נאָך ווי גרויס !
נאָר ניט לאַכט—
כ׳בין דער הערשער פֿון דער נאַכט...!

מען זאגט און מען זאגט...

זאגן זאגט מען—אז אין עבר,
האט אמאל געלעבט דיינס גלייכן,
אז דו ביזט בלויז צוריקגעקומען
ווי ס׳געשעט מיט שיינע בלומען:
כאטש זיי דארבן
און זיי שטארבן,
קומען זיי מיט נייע פארבן....;
קאנסט מער גארניט דא דערגרייכן
ווי געלעבט עס האט דיינס גלייכן—
אזוי זאגט מען לעבט דער עבר.
אזוי זאגט מען לעבט דער עבר.

זאגן זאגט מען — אז אין הימל,
האט א יעדערער זיין שטערן
און דער שטערן דארט באשטעטיקט:
ווען מען פריידט זיך, ווען מען ווייטיקט,
ווען מען רימט זיך.
ווען מען קרימט זיך.
אלץ באשליסט זיך. אלץ באשטימט זיך:
אויך די צייט פון דעם ניט־ווערן,
ווערט גע׳חתמעט פון דיין שטערן,—
אזוי זאגט מען איז אין הימל.
אזוי זאגט מען איז אין הימל.

זאגן זאגט מען — ביים געבוירן,
ווערט דיין זיווג א באשטימטער:
צו דו ווילסט ניט, צו דו דארפסט ניט,
צו דו שעמסט זיך, צו דו גארסט ניט,
די „באשערטע״
ווערט דיין „ווערטע״
די „געשעצטע״ די „געערטע״
נ׳דו אליין פון איר גערימטער:
„אט, א, גייט ער, אט, א, קומט ער״,—
אזוי זאגט מען ביים געבוירן.
אזוי זאגט מען ביים געבוירן...

זאָגן זאָגט מען — אַז דער רשע,
האָט זיין וואויל־טאָג אין גיהנום:
נאַכט־סאַלאָנען און ראָמאַנסן,
„ווײַן און פֿרויען", שטענדיק טאַנצן,
פּויקן, טאַצן,
זאַצן, זאַצן,
אָן אַן ענדע ביז צום פּלאַצן
און שמאַראַגן, וועלכע גלאַנצן,
נאָך און נאָך, פֿאַר אים אין גאַנצן, —
אַזוי זאָגט מען גייט דעם רשע.
אַזוי זאָגט מען גייט דעם רשע.

וואס און ווער....?

וואס איז עס, —
וואָס פֿאַרבט זיך אויף רויטן און בלוטיגט די הימלען?
וואָס איז עס, —
וואָס גרינט זיך אין מדבר און וועקט זיך פֿון דרימלען?
ווער איז עס, —
וואס טרייבט די שאַקאַלן אין דער נאַכט?
ווער איז עס, —
דער שומר, דער שטאָלצער, וואס וואַכט?

ווער איז עס, וואס ברעכט זיי, די גראַטן פֿון שטייגן און צוימען
און כוואַליעט און קאָכט זיך מיט זודיגע שוימען
און לויפֿט אַלס אַ קעמפֿער אין געיעגן:
מיט זעקל
און העקל
פֿון'ם שטורעם געבליבן,
פֿון שטובן
און גרובן
און דאָרטן, — זיי זיינען ווי ראַטן אין לעכער,
אין רואינען אָן פֿענצטער, אָן טירן, אָן דעכער —
ווער איז עס וואס האָט זיי באַשאַפֿן
די „שקלאַפֿן?!"

ווער איז עס וואס רופט דיך
און שטראפט דיך
און וועקט דיין געוויסן?
ווער זיינען וואס וואנדערן, מיט לונגען פון גאזן צוריסן?
מיט הענט ווי די בעטלער געשטרעקטע,
מיט לעבנס־חלומות גענעקטע,
געקליידעט אין טראנטעס און לאכעס געשענקטע,
פארבלאסטע, פון הונגער געקרענקטע,
מיט גוואלד־רים אין הארצן,
אויפן שטערן א סימן א שווארצן
פון טרויער,
ס׳פנים גרויער, גרויער,
סארדאניש,
לאקאניש
וואו אלץ איז פארגאנגען?
ווער זיינען וואס רופט זיי מיט פרייהייט־געזאנגען,
מיט בענקען און גארן?
דאס זיינען קיין יורשים פון הארן!
דאס זיינען מדבר־פרינצעסינס און פרינצן־פיאנערן!
זיי זינגען, זיי קלאמערן פויסטן און שווערן,
באלאדן מיט שטאנגן און רידל ביים פלאנצן
און זיי טאנצן,
טאנצן אין א ריידל
א אינגל, א מיידל
אינ׳ם גלות און אין געטא אויפגעכאוועט,
אויפן הארץ דעם אייזערנעם, א ווילן אויסגעקאוועט
קנאספענדיג, — דאך מיט זארגן
פארן מארגן:
זיינען זיי — די קינדער פון׳ם מארגן:
אן מודים,
אן כורעים
אין הארצן
אן שרעקן פארן „מענטש אין שווארצן”
אן קנאה,
אן שנאה
אן סברה,
אן פשרה.... !

ווער־זשע איז דער שטן וואָס שרעקט זיך
און וועקט זיך

און רופֿט פֿון׳ם חלל בייזע רוחות
פֿאַר רציחות:

— העי, ווער קומט עס מיט אַ העזה
שפּילן זיך און ווייַלן זיך מיט מוזע,

זינגענדיק און טאַנצנדיג ביים פֿלאַנצן,
טאַנצן, טאַנצן

אריין און ארויס פֿון דעם ריידל
אַ אינגל מיט אַ מיידל

געבליבן
פֿון די גריבן,
ווי די ראַטן פֿון די שטיבן
אָן דעכער:

— ראַטן, צוריק אין די לעכער, לעכער! —

דאָס גרילצן „דערלעזער״
בייזער, בייזער;

די וואָס טראָגן באַפּאַנצערטע „איכן״,
די וואָס לויפֿן און זיי קומען און זיי זוכען
מיט אָנגעפּילטע בייטלען
און זיי צאַרנען און זיי טייטלען:
ס׳זיינען שוועמלעך אין׳ם שטורעם געוואַקסן,
ווי אין פֿעלדער פֿאַרלאָזענע, ווי די אָקסן,
ווי הינט אויף הפֿקר אין די גאַסן
צום שפּאַסן... !

דאָס איז עס וואָס פֿאַרבט אָפּ די הימלען,
וואָס וועקט די פֿאַרשקלאַפּטע פֿון דרימלען!

דאָרטן שלייבן די „דערלעזער״ און שרעקן זיך,
דעקן זיך

מיט שפּאַרבער־פֿליגלען — גרין־קלעבעדיקע שפּינען!
און די סלינעס רינען, רינען
און זיי בלינען

און פֿארלאנגגען די גאנצע וועלט זאָל שווייגן
און פֿארשווייגן;—
אָפּשטעלן דעם קלעטערן און שטייגן
דורך גלויבן
דערהויבן
ווי גבורים מיט נצחון, דאָך אָן גאוה,
אָן תאוה:—
ס'אַ קאמף פֿאר אַן אייגענער עשירות
פֿאר שכירות
פֿארן בויען און אַקערן מיט שווייס:
ס'הייס,
קרבנות פֿון בראשית אָנהויבן
מיט גלויבן
אין די — „קינדער פֿון'ם מאָרגן”—
פֿארן איבעריקן, ווען צייט אליין שוין זאָרגן...!

שאָטנס אויף די ווענט

די לופֿט איז פֿאר'בישופֿט, עס דרימלען די ווענט
און שטיל איז אין חדר—אויף שויבן זיך שפּילן:
די שאָטנס פֿון בוימער אין אבנט דעם קילן
און סאמעט־מחשבות פֿאר'שיכורן הענט...

וואָס צערטלען און ווינקען צו בראשית מיט גלוסט:
האָריזאָנטן, ליניען און פֿאלדן—אַ בילד,—
עס וויקלען זיך שלאנגען, דו ווערסט אזוי ווילד—
אַ פֿעלזיקע מאסע זיך לעגט אויף דיין ברוסט.

און פֿליגלען זיך שפּרייטן און נעמען דיך מיט
דיך ארט ניט דער אומעט, ס'אַ זיסער געמיט.
דו פֿאלסט און דו הויבסט זיך געטראָגן אויף הענט:

דו פֿילסט ווי אַ קעניג מיט סצעפּטער אין האנט,
אַ הערשער אַ שטארקער אליין אין דיין לאנד —
אָט דאָס ברענגען שאָטנס וואָס שפּילן זיך אויף ווענט...

יוגנט-פּלאַטער

אוונט האָט מיט בלויע טויען אויסגעשפּרייט זיך.
הימל האָט אין פּורפּור־רויט זיך געטונקען.
ערשטער שטערן האָט געלאַסצשעט און געוואונקען:
מזל־טוב געוואונטשען און מיט מיר געפרייט זיך.

אוונט־טויען האָבן הויכן גראָז געוואַשן
כ'ווי אַ ווייכער גרינער טעפּעך, אונדז געדרינט דאָן:
האָט זי שטיל אין אויער אויסגעשעפּשעט—„מיין מאַן,
בלויז דער הימל וועט עס זעען ווי מיר נאַשן...״

האָט צו גאָט פון מיר אַ תּפילה הויך געשטיגן,
צום שטומען עדות,—ער האָט געזען און געשוויגן
ווען יוגנט־פּלאַטער האָט „לא תחמוד״ צוריסן....
האָט זי דאַן פאַרשעמט זיך פאַר דעם ערשטן שטערן
און געפרעגט מיך—„וואָס וועט זיין ווען ס'וועט באַשערן...?״
—„גאָרנית. טוגנט האָט געשיידט זיך פון געוויסן...״

אויב ס'איז ליבע...

חדר־טונקל, אוונט־בלויקייט.
סאַמעט־שטילקייט, שאָטן־שפּיל:
אויף די שויבן ווענט און דיל,
פאַלן, פאַלן בונטן גרויקייט:

ליגט אַ פאָרעם שלאַנק און בויגיג
אויף אַ ווייכע ליבע בעט:
פיבער־אָטעם. סאַמעט־גלעט.
פולע ליפּן ווערן זויגיק. . .

האַרצנס־טאַקטן היים־וויבריִרטע,
פינגער לאַנגע אומגעפירטע
צווישן פאַלדן אין געיעג.
דרינגט לבנה־שיין דורך שויבן.
וואונקען שטראַלן. וואָרקען טויבן:
„אויב ס'איז ליב, איז — מעמעג...״

ערשטער ציטער

ערשטער ציטער זיסער פלאטער
רעגנבויגן.
חלום־אויגן.
אויפגעברויזטער יוגנט־קראטער:

קיינמאל זיבער קיינמאל זאטער
א צעשפילטער.
א צעברילטער.
אין׳ם הונגער שותפים האט ער...

שטעטס פארטייעט און זיי רייצן
און רעגירן
און פארפירן:
דעם גיהנום נאר זיי הייצן...

ערשטער ציטער, זיסער מאטער.
יונגער גלויבן.
זאמדן־שטויבן
אנגעגליטע פון׳ם קראטער...

ערשטער ציטער, דער באגינען:
קנאספיק־בייביק.
פריילעך־קייביק.
ניט קיין זארגן. ניט קיין זינען.

ניט קיין שלאפן. ניט קיין וואכן.
ליבן, לעבן,
שפינען. וועבן
און די מארגנס — לאכן. לאכן:—

פון דעם ערשטן זיסן ציטער.
רעגנבויגן.
חלום־אויגן,—
ס׳איז פון פרילינג דער געוויטער....!

קינדער פון מאָרגן

א פאַנטאַזיע אין 4 בילדער

פאַר יונג און אלט.

די באטייליגטע אינ׳ם שפילען:

צוויי קינדער פון מארגן—(מיידעלע און אינגעלע) געקליידט אין פאנטאס־טיש־ליכטיקע קאלירן און סטיל. זיי טראגן טראמפייטן.
פ א ט ע ר ־ צ יי ט—מיט גרויען אלטן כאלאט. סאנדאלן. קאסע און שעה׳ן־גלאז. אלט און מיט קוים ווייסע האר אויפן קאפ. לאנגע ווייסע בארד.
נ א כ ט—(פינצטערניש) אין טונקל־בלויען לאנגן כאלאט און שווארצן שקארמיץ אויפן קאפ. גרינער פנים און גרינע הענט.
ל י כ ט—אין ווייסן כאלאט מיט שטאלקאץ אין האנט.
צ ו ק ו נ פ ט—יונגלינג. פאנטאסטיש געקלייד מיט בלומען־קראנץ אויפן קאפ.
ג ר י נ ע שפ י ן—אן אלטינקע געקליידט אין גרין מיט גרינע האר רויטן פנים מיט שווארצע שטרייפן אלס קנייטשן.
ד ר יי ג ע ש פ ע נ ס ט ע ר—געקליידט אין שווארץ און רויט מיט גרינע האר און גרינע פנים׳ער.
ד ר יי ק י נ ד ע ר ־ ג ר א פ ן—אין פאנטאסטיש־קאלירטע קליידער.
ד ר יי ע ל צ ט ע פ ו ן ד י ג ר א פ ן.
געשפענסטער—געקליידט אין גרין און שווארץ. אלטע באבע נימפן. בייטן. קנאספן. בלומן. ווינטן (אין בלוי און גרוי) קינדער־מאסן. וועכטער ביי די טויערן פון דער צוקונפט־שטאט געקליידט אין גרין און גרוי מיט רויטע האר און רויטע פנים׳ער מיט שווארצע ליניען. בלומען: רויטע רויז. ליליע און אנדערע סילועטן.

ב א מ ע ר ק ו נ ג:

די פאנטאזיע איז געשריבן געווארן אין ראטן־פארבאנד אין 1919 צו־זאמען מיט דער מוזיק.

דאס מאטיוו־ליד „קינדער פון מארגן" איז אויפגענומען געווארן פון אידישע פאלקס־שולען און כארן, וואו נאר אזעלכע זיינען געווען.

דאס ליד „קינדער פון מארגן" איז אויך אריין אין דער כריסטאמאטיע פאר דעם דריטן און פערטן לערן־יאר דערשינען אין ווילנע אין 1932 אונטער די רעדאקציע פון ש. באסטאמסקי.
מחבר.

טעקסט און מוזיק — ס. פאלמע.

קינדער פון מאָרגן.



בילד איינס.

סצענע:

אַ טונקל־בלויע ליידיקייט מיט רואינען פֿון אַן אַלטע שטאָט פֿון ווייטנס דורכ־זיכטיקע טויערן פֿון אינטער וועלכע מען זעט די פֿאַנטאַסטיש־באַלויכטענע צוקונפֿט־שטאָט.

ווען פֿאָרהאַנג גייט אויף:

פֿון צווישן די רואינען רייסן זיך דורך גרינע באַשעפֿענישן פֿון איין אָרט צום אַנדערן מיט קייכנדן געלעכטער און ווערן נישט צווישן די רואינען אויסגעמישט מיט רויך.

מוזיק שפּילט דעם סילועטן־טאַנץ מיט אינטער־טענער. דאַן געזאַנג:

סילועטן — אויסגעשפּרייטע
פֿליגלען ברייטע,
אין דער בלויער נאַכט.
ניט געשלאָפֿן,
טאָג פֿאַרלאָפֿן,
שטענדיק נאָר געוואַכט
אין דער בלויער נאַכט

אַלע וועגן
אַלע שטעגן,
איינגעהילט אין בלוי:
לאָמיר לאַכן!
חאַ חאַ לאַכן!
צו דעם הימל בלוי:
צו דעם הימל גרוי.

אַלע צוריק אויף זייערע ערטער און באַהאַלטן זיך און הויבן זיך איינציגווייז זיי ריידן צווישן זיך מיט סימבאָלישן אינטער־טאָן:

ערשט שטנ'דל—ווי לאַנג וועט דויערן די נאַכט?
מיטן אָנקומען פֿון טאָג פֿאַרשווינדן מיר.
עס שרעקט די ליכטיגקייט פֿון טאָג.

צווייט — אייביג נאַכט!
ערשט — נישט אמת!
נאַכט שרעקט זיך.
נאַכט פּלאָנטערט אין דער שטיל...
דריטס — ביזט אַ נאַר.
ביזט אַ פּחדן!
נישטאָ קיין פּלאַץ פאַר פּחדנים!
ערשט — איך פאַרשטיי דאָס נישט.
כ'האָב געזען פייערן אין ווייט...
העט ווייט, איז די צוקונפט־שטאָט
און פון דאָרטן קומט דאָס ליכט
צווייט — אייביק נאַכט!
אייביק בלויע נאַכט!
ערשט — נישט אמת!
דאָרטן לאַקערן די קינדער פון'ם מאָרגן
און זיי קומען פון דאַנען
און פון דאָרטן
מיט לשונות פרעמדע
און זיי זינגען די געזאַנגען
גאַנצע טעג און גאַנצע נעכט זינגען זיי
ששש... ששש... איר הערט?
(אַלע באַהאַלטן זיך.)

אַ טומל אין דער ווייט. אַ דונערן און בליצן.

ארײן נאַכט — פאָטער־צייט (שטויסן זיך אָן)

נאַכט — אייביק קומסטו מיך אין וועג, אַלטער נאַר!
מיט דיין קאָסע און שעה'ן־גלאָז — ווי נאַריש דו זעעסט אויס, ווי
נאַריש חאַ חאַ חאַ! חאַ חאַ חאַ!
צייט — אייביק קום איך דיר אין וועג, אמת.
אייביקייט איין און אייביקייט אויס.
איך בין ביי דיין געבורט און ביים פאַרגיין
לאָז מיך גיין אין מיין שליחות, פינצטערניש!
נאַכט — ביזט שוין אַלט און אָפּגעלעבט, וואָס שטאַרבסטו נישט!
ווער ביזטו דען, אַלטער נאַר?!
צייט — פאָטער־צייט בין איך!
אויך דו ביזט מיין באַשאַף!

נ א כ ט — און אָפּשאַפֿן קאָנסטו נישט!
קאָנסט עס נישט! חא חא חא! חא חא חא!
צ יי ט — דיין היסטעריע זאָגט מיר אוים ווי שוואַך דו ביזט
נ א כ ט — איך וועל נישט פֿארגיין אָן א קאַמף!
איך וועל נישט פֿארגיין!
צ יי ט — ביזט שלעכט און דערצו א נאר:
קוים וועט דיר איין שטן נאָר פֿארראַטן,
ווערסטו נישט. גייסט אונטער
דו ווערסט נישט דו הערסט?!
קער זיך אָפּ און מאַך וועג!
נ א כ ט — כ'וועל אַלץ פֿארשטעלן!
צ יי ט — ליכט ווייסט ניט פֿון גרעניצן:
וואָס פֿינצטערער דער ווינקל
אַלץ שטאַרקער זיינען שטראַלן פֿון טאָג.—
קער זיך אָפּ און מאַך וועג!
הער זיך צו:
פֿון אַלע ווינקאַלעך קומען זיי!
שטראַמענווייז שטראָמען זיי!
כוואַליעסווייז כוואַליען זיי!
יעדע שעה א נייער קלאַנג
אַ ניי ליד!

צייט אָפּ מיט גוטמוטיקן געלעכטער. פֿייערן בליצן אויף אַ מורמלען צווישן די רואינען שטן'דלעך פֿון צווישן רואינען קומען און קרייזלען זיך אַרום נאַכט מיט שרעק.

נ א כ ט — וואָס איז מיט אייך געשען?
פּחדנים!!
כ'בין הערשער פֿון דער נאַכט!
שטיקער בלויקייט ביי מיינע פֿיס
און איבער מיין געקרוינטן קאָפּ
זינגט! טאַנצט — האָפּ־האָפּ!
זינגט און טאַנצט — האָפּ־האָפּ!

(אָפּ צוריק צווישן רואינען זינגנדיק:)

טאַנצן. טאַנצן.
אייביק טאַנצן.
ס'איז די נאַכט, די איינע שטאַרק!
קיין פֿאַרלאַנגען.

קיין געזאַנגען.
פֿון די קינדער אויף דעם באַרג.
קינדער קליינע.
אַט אַזוינע
מוזן פֿאַלן אין דעם טאָל
מירן וואַכן.
לאַכן. לאַכן.
זאָל דער וועג זיין שטענדיק שמאָל!

(אַלע אין באַהעלטעניש. שאַ.)

נאַכט — אַזוי זאָל עס זיין אין מיין קעניגרייך!
אייביק פֿינצטערניש!
אייביק שיצן דעם גאָלדענעם באַרג!
אייביק נאַכט!
כ'בין דער הערשער פֿון דער נאַכט!

אַ געטומל און געזאַנג אויסגעמישט מיט טראָמפּייטן און בליצן.

נאַכט — העי!
ווער שטערט עס איצט מיין רו?!

ערשט קינד — (אַריין מיט פֿאַרשייטקייט)
העי!
קומט אַהער! קומט אַהער!
פֿאַרשלאָפֿענע!
דערשראָקענע!
וואַכט אויף, — ס'איז מאָרגן־ניי!
מאָרגן־פֿריי!
טויערן וועלן זיך עפֿענען!
וואַכט אויף. וואַכט אויף!

ס'קינד שאַלט אויף מיט דעם טראָמפּייט אין אַלע ווינקלען אַריין. נאַכט צעטומלט. אַריין קומט דאָס צווייטע קינד וואָס רופֿט:

צווייט קינד — וואַכט אויף אַנטשלאָפֿענע!
וואַכט אויף אַנדרימלטע!
קינדער פֿון דעם מאָרגן זיינען מיר!

נאַכט ציט זיך צוריק אין דעם אונטערגרונט. קינדער באַגריסן זיך מיט לעגן הענט אויף דעם צווייטנס אַקסלען.

ערשט קינד — ווער ביזטו,
וואוהין איז דיין גאנג ?
צווייט קינד — איך בין דיין חבר !
מיין גאנג איז צו די טויערן פון דער צוקונפט־שטאט.
ערשט קינד — אויך מיין גאנג איז אהין וואו דו גייסט.
אבער טויערן זיין געשלאסן דארט.
איבער זיי וואכט די גרינע שפין.
צווייט קינד — איך וויים.
דערפאר וועק איך די קינדער פון מארגן.
ערשט קינד — איך בין מיט דיר.
דאס איז אויך מיין ציל.
צווייט קינד — ליכט איז געפאנגען אויפן בארג.
ערשט קינד — איך וויים:
אויפן שפיץ פון גאלדענעם בארג
געהיט פון דער גינער שפין
און ליכט איז דארט געפאנגען
צווייט קינד — ווען מיר וועקן.
ערשט קינד — וועלן מיר רופן.

(ביידע שאלן מיט די טראמפייטן.)

נאכט ארײַן.

נאכט — איר מאכט מיך לאכן קינדער קליינע.
קינדער שיינע.
קינדער צריק אין וויגאלעך.
זינגט דאס ליד פון ציגאלעך
פון מיגאלעך.
און רויטע פאמעראנצן:
טאנצן. טאנצן. טאנצן —
קינדער צריק אין וויגאלעך !

קינדער צעלאכן זיך. נאכט צעטומלט. עס הערן זיך רופן אין דער ווייט פון די קינדער. נאכט זינגט.

נאכט — העי !
וואו דארט הער איך א געשריי ?
ווער־זשע זייט איר דארטן צוויי ? !
איר פארשייטע !
איר פארשמייטע !
ווער־זשע זייט איר דארטן צוויי ? !

קינדער — מיר זענען פֿון דעם מאָרגן,
זענען מיר.
צו אַ מאָרגן אָן אַ זאָרגן,
גייען מיר.
איבער וועגן, איבער שטעגן,
שוועבן מיר.
איבער ווייטע גרינע פֿעלדער,
איבער ים׳ען, איבער וועלדער,
שאַלן מיר: —
קינדער פֿון דעם מאָרגן זענען מיר!

געלעכטער און געטומל. קאָוואַדלע קלאַנגען און מוזיק. שטיל.

נאַכט — העי!
וואו דאָרט הערט איך אַ געשריי?
ווער־זשע זייט איר דאָרטן צוויי?
היצן־היצן,
פֿייער שפּריצן,
ווער־זשע זייט איר דאָרטן צוויי?!

קינדער — מיר קומען פֿון דער שמידער,
קומען מיר.
און מיר פֿליען פֿון קאָוואַדלע
פֿליען מיר.
היצן־היצן, פֿייער־שפּריצן,
זענען מיר.
און מיר שמידן אויס אַ מאָרגן,
אָן אַ באָרגן, אָן אַ זאָרגן,
שמידן מיר,—
קינדער פֿון דעם מאָרגן זענען מיר

ווידער געלעכטער אויסגעמישט מיט גלאָקן־קלאַנג און געזאַנג. שאַ.

נאַכט — העי!
וואו דאָרט הער איך אַ געשריי,
ווער־זשע זייט איר דאָרטן צוויי?
זינגער־זינגער,
גלאָקן־קלינגער,—
ווער־זשע זייט איר דאָרטן צוויי?!

קינדער — מיר רופֿן אין די גאַסן,
רופֿן מיר.
אין די גאַסן, שטיפֿן, שפּאַסן,
וועקן מיר
זינגער־זינגער, גלאָקן־קלינגער,
זענען מיר:
אין די גערטנער צווישן ביימן,
בראַדזשען מיר און זוכן קווייטן,
זוכן מיר, —
קינדער פֿון דעם מאָרגן זענען מיר!

קינדער־מאַסן קומען אָן מיט געזאַנג מיט פֿענער און שטאָלקאַצן און גייען אָפּ.

נאַכט — (שטורעמט)
אהער געשפּענסטער!
אהער! אהער!
שניידט די וועגן אָפּ צו דעם באַרג,
צו דעם גאָלדענעם באַרג!
די טוירען פֿון דער צוקונפֿט־שטאָט,
זיי טאָרן זיך נישט עפֿענען!
פֿאַרשטעלט די זון!
פֿאַרשטעלט די זון!

אַ געטומל צווישן רוחות און שדים. אַלע לויפֿן ווער וואוהין און פֿאַרלירן זיך.

אַלטע באָבע — (רייצט זיך)
און זיי קומען
און זיי שווימען
סיי פֿון דאַנען,
סיי פֿון דאָרטן.
הי! הי! הי!
האַ! האַ! האַ!
און זיי יאָגן
און זיי טראָגן,
ברענענדיקע פֿאַקלען
און זיי בלענדן.
און זיי זינגען.
און זיי לאַכן

היי! היי! היי!
האַ! האַ! האַ!
איך ווייס עס און דו ווייסט עס נישט!
איך ווייס עס און דו ווייסט עס נישט!
נאַכט — וואָס ווילסטו און וואָס ווייסטו?
באַבע — האַ! האַ! האַ!
היי! היי! היי!
איך ווייס עס און דו ווייסט עס נישט!
הער זיך איין:
זיי קומען אָן!
סיי פון דאַנען!
סיי פון דאָרטן!
היי! היי! היי!
האַ! האַ! האַ! (פאַרשווינדט)

(ס'קומען אָן גרופען זינגענדיק:)

ערשטע גרופע — מיר גייען מיט פויקן און טאַצן,
סאָלאָ — מיר זינגען דאָס הערליכע ליד
ס'באַגלייט אונדז די לידער דער האַמער
דער קלאַנג פון דער קוזשניע, דער שמיד!
אַלע דער שמיד מיט זיין ליד.
דער שמיד מיט זיין ליד—
דער שמיד מיט זיין מעכטיקן ליד!

(ערשטע גרופע בלייבט אויף אַ זייט)

צווייטע גרופע —מיר קומען פון טיף־ווייטע וועגן,
סאָלאַ — פאַר אָפער מיר זענען ניט קאַרג:
מאַרשירן מיר איצטער מיט גלויבן
צו שטורמען דעם גאָלדענעם באַרג!
אַלע— צום פינצטערן באַרג
צום פינצטערן באַרג!
צו שטורמען דעם גאָלדענעם באַרג!

(צווייטע גרופע בלייבט אויף אַ זייט)

דריטע גרופע — עס שמאַכט דאָרט די זון אַ פאַרבענקטע
סאָלאָ מיר שמאַכן ווי זי אַזוי לאַנג:
מיר שווערן מיר וועלן דערגרייכן
דעם באַרג מיט שטורעם־געזאַנג

אַלע— מיר שווערן אַזוי!
מיר שווערן אַזוי !
מיר שווערן מיט שטורעם־געזאַנג!

אַלע דריי גרופּן — מיר טרייבן דעם ליגען מיט אמת,
מיט ריינקייט דערהויבן צום גליק!
מיר שניידן די וועגן, מיר שניידן,
מיר ווייסן קיין וועגן אויף צריק !
מיר ווייסן דאָס ניט!
מיר ווייסן דאָס ניט !
מיר ווייסן קיין וועגן אויף צריק !

(נעמען אַפּגיין)

מיר רופן, מיר רופן דעם לעבן
פון עלנד און פּיינען אַרויס
עס וויגט זיך, עס וויגט זיך דער מאָרגן,
פון אַפּגרונט אָט וואַקסט ער אַרויס !

(אָפּ מיט דעם זעלבן געזאַנג).

פאָרהאַנג.

בילד צוויי:

סצענע:

דער זוים פֿון דעם גאָלדענעם באַרג אין מיטן אַ וויסטקייט. פֿון ווייט די זעלבע טויערן פֿון דער צוקונפֿט שטאָט באַלויכטן מיט אַ פּאַס העל־בלויע ליכט.

ווען פֿאָרהאַנג גייט אויף:

ביים זוים פֿון׳ם באַרג ליגן געשפּענסטער אין שאָטנס פּאַרטוליעט. זיי הויבן זיך איינציקווייז ווען געזאַנג פֿון ווייטנס דערטראָגט זיך און שטילט איין.

ערשטער געשפּענסט:

זעט איר דאָרטן אַ פּאַס ליכט,
העט ווייט אויף דעם האָריזאָנט?
ווייסט איר באָטש וואָס עס מיינט?

אַלע:

מיר ווייסן נישט.
מיר ווייסן נישט.

ערשטער געשפּענסט:

דאָס איז ליכט וואָס רייסט זיך דאָרט.
וואָס שפּאַרט זיך דאָרט.
וואָס דרינגט אין יעדן ווינקל וואו ס׳איז פֿינצטער.
עס איז דאָס ליכט,
וואָס באַלייכט די טויערן פֿון דער צוקונפֿט־שטאָט.
ווייסט איר באָטש פֿון וואַנען ס׳קומען שטראַלן?
פֿון אויפֿן באַרג, — אויבן דאָרט,
וואו ליכטיקייט איז געפֿאַנגען
און געהיט פֿון דער גרינער שפּין.

אַלע:

וויי צו אונדז.
וויי צו אונדז.
וויי וועט זיין צו אונדז ווען די טויערן וועלן זיך עפֿענען.

צווייטער געשפּענסט:

און דאָס ליכט ברענט
און בלענדט—
וויי צו אונדז. וויי צו אונדז.

(אַלע פֿלאַטערן מיט די פֿליגלן אין אַ בהלה)

ערשטער געשפענסט:
שווייגט פחדנים!
די טויערן וועלן זיך ניט עפענען אן דעם ליכט.
דאס ליכט איז געפאנגען און אין צאם
אויף דעם גאלדענעם בארג
געהיט פון דער גרינער שפין

אלע:
אלע — ווי צו אונדז, ווי צו אונדז.
און די נאכט איז ניטא
און דער באגינען איז אויפן שוועל....

דריטער געשפענסט: :
א שרעק! א שרעק !
כ'האב געזען נאכט ציטערן און פלאטערן
ווען פאטער־צייט האט געלאכט און געשפאט.
יא. — איך האב געהערט און געזען.
אט קומט דער אלטער זיידע מיט זיין שעה'ן־גלאז,—
יא. און די זאמדן פאלן, נאר זיי פאלן.

א ר יי ן פ א ט ע ר צ יי ט .
(אלע פלאטערן און באהאלטן זיך)

צייט — שרעקט אייך ניט איר בייזע רוחות
ווען די צייט וועט קומען, וועט איר אלע איינס פארגיין
אין דער אייביקייט.

ערשטער געשפענסט:
מיר שרעקן זיך נישט.
טראג זיך בעסער אפ אלטער נאר
מיט דיין שפיל־געצייג:—
דיין קאסע און שעה'ן־גלאז.

צייט — ס'איז מיין ווילען איר זאלט פארגיין !
אלע — מיר וועלן ניט פארגיין !

(פאטער־צייט גייט אפ מיט גוטמוטיקן געלעכטער.)

צווייטער געשפענסט:
ס'איז אמת.
קינדער פון'ם מארגן דריימלען ניט!
זיי שטראמען צו די טויערן פון דער צוקונפט־שטאט
פון דאנען און פון דארטן שטראמען זיי
פון אומעטום קומען זיי מיט א גלויבן

דריטער געשפענסט:

וױ די שטראָמען שטראָמען זײ!
װי די כװאַליעס כװאַליען זײ!
די גרינע שפּין שרעקט זײ ניט מער!
און טראָמפּײטן שאַלן
װי די שטױבן זענען זײ אין צאָל—
װאו איז נאַכט?
װאו איז פֿינצטערניש באַהאַלטן?

ערשטער געשפענסט:

שװײג דו פּחדן! שװײג!

אַלע — מיר קאָנען ניט שװײגן.
ס'איז װײ צו אונדז.

טראָמפּײטן שאַלן אויף. געשפענסטער פֿלאַטערן און באַהאַלטן זיך. באַבע קייכט פֿון געלעכטער.

(אַרײַן אַלטע באַבע)

באַבע — נו, איך װײס עס אַלץ.
יאָ. איך װײס.
פֿאַר מיר איז קײן סוד ניט פֿאַראַן.
נו, שטראָמען זײ.
כװאַליען זײ.
חע! חע! חע!
חי! חי! חי!
זאָלן די טראָמפּײטן שאַלן!
זײ זײַנען מײַנע אײניקלעך.
גוטע, שײנע אײניקלעך.
זאָלן זיך קינדער שפּילן!

(אַרײַן נאַכט צעשטרײט)

נאַכט:—אַלע אויף דעם באַרג!
אַרום דעם באַרג!
פֿאַרוים דעם באַרג!
שנײַדט די װעגן אָפּ צו דעם באַרג!

(נאַכט אָפּ שנעל.)

(אַלטע באַבע לאַכט און רײַצט זיך.)

באבע: — קוקט אייך איין אַט, אַ, דאָרט:
קינדער פון דעם מאָרגן קומען אָן
זיי וועלן קלעטערן און גרייכן אויבן־אָן
און די ליכטיקייט באַפרייען פון דער גרינער שפין.
דעמלט וועלן טויערן זיך עפענען!
צוקונפט־שטאָט וועט אָפן זיין!—
ס'איז די צוקונפט־שטאָט געשלאָסן
ווייל ס'איז ליכט ניט פאַראַן
און ס'וויסן קינדערלעך וואו ליכט איז געפאַנגען.
יאָ—אויפן בארג, אויפן גאָלדענעם בארג
געהיט פון דער גרינער שפין!
הי! הי! הי!
האָ! האָ! האָ!

(גרינער שפין דערשיינט פאַרסאַפּעט)

גרינע שפין — כ'האָב געהערט מיין נאָמען,
ווער רופט עס מיר ביי מיין נאָמען?
זאָגט עס מיר שנעל
כ'בין א וואַכערן בין איך

באבע — אַט איז די גרינע שפין!

שפין — איז וואָס אז איך בין דאָ?

באבע—קום אהער מיין אייגענער באשאַף
און לאָמיר דיר באַקראַנצן,
לאָמיר טאַנצן, טאַנצן
אז דער קאָפ זאָל זיך פאַרדרייען
אַט אין צווייען—
ביזט מיין באשאַף...

שפין — כ'וועל אין טאַנצן צוטראַכטן דיין נאָמען
פון געדאַנק אויסגעזויגן;
גרינע־טיפע אויגן פון דער נאַכט
וועלן אַלץ זעען און פאַרשווייגן
דו וועסט שטייגן
מיט דעם נאָמען

וועסטו שפּעטער גיין פֿאַרשוואונדן נאָכן טאַנצן
מיט די קראַנצן
אויף די אומבאַוואוסטע פֿרעמדע וועגן,
דאָרטן וואו עס ווערט אַ גאָט געבוירן
און פֿאַרלוירן
אין געיעגן...

(באָבע און שפּין טאַנצן דאָן ביידע אָפּ אויף צוויי וועגן)

(אַריין נאַכט באַגלייט פֿון צוקונפֿט)

נאַכט — צוקונפֿט איז דיין נאָמען?
מאָרגן איז דיין ציל?
זע ווי יונג און נאַריש דו זעסט אויס
גיי צוריק אין דיין חלום־לאַנד !
צוריק! צוריק! צוריק!
צוקונפֿט — אומזיסט. אומזיסט טרייבסטו מיך, נאַכט.
דיין גורל איז באַשטימט גלייך ווי מיינער.
קאָנסט פֿאַר מאָרגן ניט פֿאַרשטעלן דעם וועג.
איך בין מאָרגן.
מאָרגן מיינט האָפֿנונג. ליכט. גליק.
פֿאַרהאַלט מיך ניט מער,
איך גיי אויף מיין וועג אין שליחות.

(אַריין פֿאָטער צייט)

צייט — אַ ווײַלע נאָר מיין ליבע צוקונפֿט.
בלייב און זאָל דיר פֿינצטערניש באַטראַכטן.
זעסטו פֿינצטערניש, —
איך דער מאָרגן איז מיין געהאָרכזאַם קינד.
נאַכט — איך שרעק מיך ניט פֿאַר דיין שפּיל־געצייג,
פֿאַר דער קאָסע מיט דיין זאַמד

(צוקונפֿט צינט אָן דעם פֿאַקל)

נאכט:— לעש אוים! לעש אוים! לעש אוים!
צוקונפט—נאט אייך ליכט,—
שקלאפן צו פינצטערניש!
פרייהייט־ליבענדע צו ליכט און גליק.
שקלאפן, זינגט אפ מיט צער אייער ליד,
דאס ליד פון דעם פארגיין.
צייט — קום מיין קינד, קום מיט מיר.
איך גיי אצינד דיין וועג. (ביידע אפ)

א טומל פון וויטן אויסגעמישט מיט מוזיק און געזאנג. א געלויף און שרעק צווישן געשפענסטער. קינדער קומען אן מיט פענער און קראנצן. נאכט באהאלט זיך אוים אויף א זייט.

צוויי קינדער—מיר זענען ביים זוים פון בארג!
מיר זיינען ביים בארג !
עלטצטער — ווען א צייכן וועט זיך באוויזן
און טראמפייטן וועלן נעמען שאלן,
וועלן מיר קלעטערן אויף דעם בארג,
באפרייען ליכטיקייט! באפרייען זון !

(אריין באבע)

באבע — אזוי, אזוי קינדער קליינע
קינדער שיינע !
בארג איז גרויס !
בארג איז הויך !
וואס העכער דער שפיץ אלץ ווייטער צום פאלן !
הא! הא! הא!
הי! הי! הי!
עלטצטער— אלטע באבינקע, דו שפאסט פון אונדז?
באבע — כ'האב געשפאסט בלויז.
כ'האב קיין צייט נים.
כ'האב א סך נאך וואס צו טאן:
א פליאטקעלע איז גוט. הי! הי!
חא! חא! חא! חי! חי! חי!
נאכט — ווער־זשע ביזטו אלטע שקאפע ?
וועמען שרעקסטו?
וועמען נארסטו?

באבע — כ׳בין די אומרו.
אייביק יונג און אייביק אַלט.
כ׳בין אייביקייט !
טראַלאַלאַ! טראַלאַלאַ! (אָפּ)
(נאָכט באַהאַלט זיך)

אַלע — (זינגען)
אונדזער גלויבן איז געזאַנג.
האַמער־קלאַנג.
אונדזער פירער איז דער שמיד.
האַמער־ליד.
אונדזער ציל איז רו און פרייד
שטענדיק פון דעם ליכט באַגלייט —
אונדזער גלויבן איז געזאַנג.
האַמער־קלאַנג. האַמער־קלאַנג.

(נאָכט אָפּ שנעל)
(צווייטע מאַסע קינדער אַריין.)

אַלע— דאָס זיינען די וועגן!
דאָס זיינען די שטעגן !
דאָס זיינען די וועגן צום ציל !
מיר זיינען קיין קריגער,
דאָך זיינען מיר זיגער,—
דאָס זיינען די וועגן צום ציל !

(אַריין צוקונפט)

צוקונפט—ווער זייט איר אַלע?
אַלע— קינדער פון דעם מאָרגן זיינען מיר!
צוקונפט—וואוהין איז אייער ציל?...
אַלע— צום ערשט אויפן שפּיץ פון׳ם באַרג!
צוקונפט—וואָס וועט דאָרט געשען?
אַלע— באַפרייען ליכטיקייט וועלן מיר!
צוקונפט—און שפּעטער וואָס וועט זיין?
אַלע— צו די טויערן פון דער צוקונפט־שטאָט וועלן מיר גיין !
מיר וועלן מיר מאַרשירן:
טויערן וועלן זיך עפענען
ווען ליכטיקייט וועט זיין פריי !

אלע זינגען—מיר קומען פון ווייט,
פון וועגן גאר ברייט,
אלע מיר זענען מיט מוט !
מיר בענקען נאך זון
פון ווייט אויבן־אן,
אלע מיר זענען מיט גלוט !

אלע אין איינעם,
קיין שרעקן פאר קיינעם,
עס רופט אונדז דער גליקלעכער טאג !
ס'בויעט זיך מויער,
א טירל א טויער,
עס רופט אונדז דער גליקלעכער טאג.

(א ר יי ן א ל ט ע ב א ב ע)

באבע — צו אייך איר קינדערלעך,
גליענדיקע ציגאלעך
האט געטראגן מיך פון ווייט!
צוקונפט — און דו וועח ביזט ?
באבע — הי הי הי — איך בין !
די מא פון די שפין !
ביים טירעלע גרין !
דארטן, דארטן אויף דעם בארג !
אט, א, דארטן זאלט איר גיין !
געפינען וועט איר דארט א שטיין !
זאלט איר ווייטער, ווייטער גיין !
הי ! הי ! הי!
הא ! הא ! הא !
ס'איז שוין אפשר צייט צו גיין!
ס'איז שוין צייט צו גיין (אפ טאנצנדיק)

פון ווייטן הערט זיך טראמפייטן־שאלן. נאכט און געשפענסטער רייסן זיך דורך אין א כאאס. מוזיק און געזאנג הויבט אן.

—זינגען שמידער פון דעם מארגן
פריילעך און געפלייסט:
יעדער פאכע מיט דעם מעכער,
שמידט אוים נייעם גייסט !

— און פֿון דאַנען און פֿון דאָרטן,
פֿון די טיפֿע גרויע אָרטן,
שטראָמן קינדער, שטראָמן פֿיל !
ווי די שוואַנען,
נאָר זיי שפּאַנען,
אָנצוהויבן קינדער־שפּיל !

— פֿאַלט דער האַמער אויף קאָוואַדלע
שמידט ער שטאַנג נאָך שטאַנג.
מוסקלעוואַטע הענט געזונטע,
קלאַפּן אויס געזאַנג.

— פּויקן, טאַצן, זאַצן, זאַצן,
ס'איז די פֿרייד ניט אָפּצושאַצן
זינגט דעם פֿריילעכן געזאַנג!
טראַלאַלאַ זינגען,
צימבלען קלינגען,
ס'איז דער מאָרגנדיקער קלאַנג !

— האַמער, האַמער,
הויב זיך האַמער,
צו די שטאַנגען אויס !
יונגע שמידער,
ווידער, ווידער,
וואַקסן שטאַרק און גרויס !
עלצטער — אויף דעם באַרג !
אויף דעם באַרג !

פֿאַטער־צייט אויף אַ זייט. צוקונפֿט ווייזט דעם וועג. מוזיק שפּילט. טראָמפּייטן שאַלן. שדים און רוחות באַהאַלטן זיך.

פֿאָרהאַנג.

בילד דריי

סצענע:

דער שפיץ פֿון דעם גאָלדענעם באַרג. פֿאַרשיידענע באַהעלטענישן אין פֿאַנטאַס־טישן סטיל, געפֿאַרבן אין פֿאַרשיידענע קאָלירן. אין צענטער אַ באַהעלטעניש מיט אַ גרין־ווייסע־טיר, וועלכע איז דורכזיכטיק.

ווען פֿאָרהאַנג גייט אויף:

ביי יעדע באַהעלטעניש פֿלאַטערן מיט די פֿליגלען שטן׳ס און געשפּענסטער וועלכע לויפֿן איבער פֿון איינעם צום אַנדערן און סודן זיך. אין צענטער ביי דער גרין־ווייסער טיר, וואַכט די אַלטע גרינע שפּין דריימלענדיק. פֿון אונטער די טיר שפּאַרן זיך פּאַסן ליכט וואָס בלענדט אַלעמען אַרום און זוכן אויסצומיידן דעם אָרט.

ערשטער שטן — (ברוגזדיק)
די גרינע שפּין דריימלט און די ליכטיקייט איז וואַך.
און די שטראַלן שפּאַרן ארויס
און די נאכט האַלט ביים פֿאַרגיין —
וואָס וועט ווייטער זיין ?
עס שפּאַרט זיך ליכט און וויל ארויס,
וואָס וועט ווייטער זיין ?
אַלע — ווייי צו דער גרינער שפּין, נאָר זי דריימלט.
זי איז אַלט און מיד —
וויי צו דער גרינער שפּין און וויי צו אונדז
צווייטער שטן — (מיט רוגזה)
ליכט איז געצוימט
און די טויערן פֿון דער פֿרייהייט־שטאָט
וועלן זיך ניט עפֿענען,
ווען די ליכט בלייבט געצוימט —
פֿינצטערניש איז מיט אונדז!
אונדזערס איז דער גאָלדערנער באַרג !
אונדזערס איז די וועלט !
אונדזערס איז דער גיהנום !
דער גלויבן ! די געטער !
אַלע גלויבנס! אַלע געטער !

אַלע — אונדזערס!
אונדזערס!
אונדזערס איז די וועלט!
דריטער שטן — (מיט פּחדנות)
ששש... שטילער זייט.
איך האָב עס אין מיין געדאַנק.
איך הער מיט מיינע אַלע חושים:
עמיץ קלעטערט אויפֿן באַרג אַרויף. כ׳ווייס.
דעמלט ווײ צו אונדז אַלעמען. יאָ...
אַלע — אַ, אַ, אַ, אַ,
אַ, אַ, אַ, אַ,
ווײ צו אונדז.

אַלע אין אַ טומל און אין שרעק. טראָמפּייטן שאַלן פֿון אַ ווייט. ס׳בלאָזט אַ שופֿר און גרעסער ווערט די שרעק.

נאַכט הויבט זיך אַרויף.

נאַכט — שנעלער אויף די ערטער!
פֿאָכעט מיט די פֿליגלען!
ברומט און גרילצט אָן אַן עק!
פֿאַרשטעלט דאָס ליכט!
מיט די שוואַרצע פֿליגלען פֿאַרשטעלט דאָס ליכט!
גרינע שפּין — (וועקט זיך)
האָ?, וואָס?, ווען?, ווי אַזוי?... ... ...
ווי אַזוי, וויל איך וויסן, ווי אַזוי?
איך בין שוין אַלט, פֿאַרוואָס שטערט מען מיר
אין מיין דרימל?—
האָ?, וואָס?, ווען? ווי אַזוי, וויל איך וויסן,
ווי אַזוי?! (שטיקט זיך פֿון געלעכטער)
נאַכט — שווייג גרינע מיספֿאַרשטענדניש, שווייג!
ערשטער שטן — איז וואָס?! איז וואָס?!
קינדער פֿון דעם מאָרגן קלעטערן אויפֿן באַרג?
איז וואָס?! איז וואָס?!
קינדער פֿון דעם מאָרגן, האָבן אויגן ליכטיקע?
זיי שרעקט ניט די פֿינצטערניש פֿון נאַכט?
קיינמאָל ניט? — איז וואָס?! איז וואָס?!

צווייטער שטן — יאָ, יאָ, עס איז אַזוי:
און זיי גייען
און זיי קומען
און זיי שטראָמען
און זיי זינגען די געזאַנגען
און זיי פּויקן אין די פּייקלען
און זיי צימבלען קלינגען זינגען
און די טאַצן זאַצן. זאַצן.
און דער שופר בלאָזט.
און שטאַלקאַצן אָנגעצונדענע מאַכן בלינד!
זיי מאַכן בלינד! אַ, אַ, אַ, אַ...!
ערשטער שטן — דו! — — — — — — — — — — — — — — —
נאָר דו שרעקסט זיך, דו בעל פּחדן!
נאַכט — ס'איז קיין צייט ניט מער פאַראַן.
זיי קומען אָן. קיין פּחדנות!
זיי קלעטערן און קלעטערן אויפן באַרג.
אויף דער וואָך! זאָל יעדער שטעלן זיך אויף דער וואַך!
פינצטערער זאָל זיין! (אַפּ שנעל)
גרינע שפּין — געהערט אַ מעשה?
לאָזן ניט אַ דריימל טאָן...
מיך האַרט, עס ניט, איר הערט?
מיך האַרט עס ניט!

(שטן'דלעך טאַנצן אַרום דעת גרינער שפּין)

אַלע — גרינע שפּין, גרינע שפּין,
גיי אַהער און גיי אַהין,
בלייבסט די זעלבע גרינע שפּין,
חאַ חאַ חאַ חאַ חאַ חאַ
בלייבסט די זעלבע גרינע שפּין!

(אַלטע באָבע קריכט אַרויף מיט גרילצן)

אַלטע באָבע — געשווינד! געשווינד!
וואו איז דער ווינט?
מיין וואָרט נאָר הערט.
ניט פאַרקלערט זיין, ניט פאַרקלערט
וואו איז דער ווינט, דער צפון־ווינט

אצינד,
דער צפון־ווינט?! הי, הי, הי.

(צפון־ווינט נעמט פּאַכן מיט די פליגלען)

ווינט — צפון־ווינט און צפון־ווינט,
ס'איז מיין נאָמען צפון־ווינט:
כ'קום פון קאַלטע, ווייטע אָרטן,
אַט פון דאָרטן, דאָרטן, דאָרטן,
כ'האָב די קינדער אויך באַגעגנט
און זיך פריידיק דאָרט געזעגנט
און זיי הוליען. און זיי טאַנצן
צו זיי, צו זיי, — אין גאַנצן! אין גאַנצן!
זייער ציל איז דער באַרג!!
אַלטע באָבע — הי! הי! הי! האַ! האַ! האַ!
דאָס האָב איך אַזוי געזאָגט.
ניט געיאָגט זיך, ניט געיאָגט.
קינדער בלאָזן, קינדער שאַלן.
קינדער טאַנצן, קינדער פאַלן.
(אויף אַ זייט)
אַ פליאַטקעלע איז גוט. זייער גוט.
אי אַ פליאַטקעלע איז גוט...

(צייט הויבט זיך אויפן באַרג מיט צוקונפט ביים זיים)

צייט צוקונפט נאַכט

צייט — מאַך זיך גרייט דו נאַכט.
ס'קומט די צייט פון דיין פאַרגיין
צוקונפט — אַ נייע שעה. אַ נייע צייט.
מאָרגן ווערט געבוירן — מאַך זיך גרייט.
נאַכט — אומזיסט די שרעקן—
מיין נאָמען איז נאַכט.
איך בין פינצטערניש. שטאָק־פינצטערע נאַכט.
יעדער גרויל און ווסטע בראַנד
און יעדע שלאַק און וויסטע בראָך
איז אונטער מיין באַשיץ—
וואָס ווילסטו אַלטער נאַר,

דיין שפיל־געצייג — די קאסע מיט דיין גלאז —
הממם, סארא שפאס! סארא שפאס!
צוקונפט — די מינוט האט געשלאגן, אלטער זיידע.

ציים שטרעקט אויס די קאסע און נידערט זי צו די פיס פון נאכט. די שעה'ן־גלאז ווערט איבערגעקערט. נאכט לאכט היסטעריש. גרינע שפין לאזט זיך טאנצן און זינגען אין א ריידל ארום נאכט.

באבע און שפין — די קינדער קליינע.
שיינע, ריינע.
זאלן זיי קומען, זאלן זיי טאנצן.
זאלן זיי פלעכטן בלומען־קראנצן.
ס'פאלן שטערן פון די הימלען.
וואס מיר שלאפן, וואס מיר דרימלען. (טאנצן)
חא, חא, חא! חי, חי, חי!
חא, חא, חא! חי, חי, חי!
זאל זיך פרייען קאץ און קי.
חא, חא, חא! חי, חי, חי!
זאל זיך פרייען קאץ און קי!

א גערויש פון אונטער דעם בארג וואס ווערט שטארקער אויסגעמישט מיט מוזיק־קלאנגען און געזאנג. גרינע שפין און אלטע באבע קייכן פון געלעכטער. שטן'ס און געשפענסטער היילן זיך אוועק. נאכט גרילצט.

נאכט — וואו לויפן די באשיצער?!
וואוהין?! וואוהין, איבערשראקענע?
פחדנים! פחדנים! פארעטער!
איך בין די נאכט! נאכט! נאכט!
איהר הערט?, איך בין די נאכט!
די קינדער פון דעם מארגן וועלן ניט גרייכן צום ציל:
איר זייט פחדנים, פארעטער און פאלש!
אלטע באבע — האסט אפגעלעבט דיין צייט גלייך מיט מיר.
שפין — דער טאג איז טאג, די נאכט איז נאכט
נאכט — א ליגן, אלטע שקאפע וואס דו ביזט.
איך בין שטארק. איך בין גרויס.
יעדער בראנד, קללה, וויסטע קלאג
איז מיין געווער! מיין געווער!
באבע — דיין צארן זאגט מיר אויס דיין שרעק!
קינדער פון דעם מארגן זענען זיי!
און ווי קינדער שטיפן זיי!

באבע און שפין — (טאנצן)

חא, חא, חא! חי, חי, חי! — אט אזוי!
חא, חא, חא! חי, חי, חי! — נאר אזוי!

צפון־ווינט שטייט אין צענטער און פאכעט מיט די פליגלען און פארשווינדט. די ערשטע צוויי קינדער דראפען זיך ארויף און שאלן אויס אויף טראמפייטן. נאכט, שדים און רוחות באהאלטן זיך. באבע און גרינע שפין קייכן פון געלעכטער.

ערשט קינד — דא איז ליכט געפאנגען
צווייט קינד—באפרייען וועלן מיר ליכט אצינד!
ס'וועלן זיך טויערן פון דער צוקונפט־שטאט עפענען ווען ליכט וועט זיין פריי!

ערשט קינד — לעבן זאל ליכט!
צוקונפט — (ווייזט אן) אט, א, דארטן:—
דארטן איז ליכט פארשפארט.
צייט— מיט געדולד איר קינדער צוויי
גליק און פריידן איז פאר יעדן

ביידע קינדער צעלאכן זיך און ווייזן אן אויף די מאסן קינדער וועלכע קלעטערן אויפן בארג ארויף מיט געזאנג און מוזיק.

אלע — מיר זיינען געקומען,
מיט דופטענדע בלומען,
מיר זיינען די טרעגער פון גליק!
מיר זיינען די שמידער,
מיר זינגען די לידער,
מיר ווייסן קיין וועגן אויף צריק!
מיר ווייסן ניט, ניין! מיר ווייסן ניט, ניין!
מיר ווייסן קיין וועגן אויף צריק!

אלע קינדער שטעלן זיך אין צוויי רייען: עס עפנט זיך די גרין־ווייסע טיר און ליכטיקייט דערשיינט זינגענדיק.

ליכטיקייט — זייט געגריסט איר קינדער אלע
זייט געגריסט!
קומט מיט מיר איר קינדער אלע
קומט מיט מיר!

אײן קינד — מיר גײען! מיר גײען! מיר גײען !
אַלע — מיר גײען מיט פּויקן און טאַצן,
מיר זינגען פון פרײהײט דאָס ליד.
ס'באַגלײט אונדז די לידער דער האַמער,
די קלאַנגען פון קוזשניע און שמיד !

אַלע לאָזן זיך אין פּראָצעסיע. ליכט פּאַרוים. זײ נידערן מיט דעם זעלבן פּערז: מיר גײען מיט פּויקן און טאַצן א.ז.וו.

פאָרהאַנג.

בילד פיר

ס צ ע נ ע:

אן אויסגעשפרייטע גרינע לאנקע מיט בלומען און פלאנצן ארום די טויערן פון דער צוקונפט־שטאט. קינדער־מאסן רוען. וועכטער וואכן.

ווען פארהאנג גייט אויף:

העל־בלויער באגינען. וועכטער טשוכען זיך און הערן זיך צו, צו מוזיק־קלאנגען וואס דערנענטערן זיך. קינדער־מאסן וועקן זיך איינציגווייז.

די צוויי קינדער רייסן זיך ארויין מיט שטורעם:

ביידע קינדער — וואכט אויף אנטשלאפענע!
וואכט אויף אנטדריימלטע!
קינדער פון׳ם מארגן זיינען מיר!
א גוטע בשורה ברענגען מיר!
דער גאלדענער בארג איז קיין בארג ניט מער!
גאלד איז קיין גאלד ניט מער!
נאכט איז נאכט ניט מער!
ס׳האלט קיין שרעק ניט מער די נאכט!

(קינדער שטעלן זיך אין צווייע רייען:)

אלע — ווער רופט עס אין וויטן,
וואס זאל עס באדייטן,
וואס ווילט איר פון אונדז דא אצינד?
ווער האט אונדז גערופן?
עס ווילט זיך נאך שלאפן,
גייט אייך, פארשווינדט מיט דעם ווינט!

א ר י י ן צ ו ק ו נ פ ט

צוקונפט — זייט געגריסט איר קינדערלעך,
באפרייט אייך פון די ווינדאלעך,
פון וויגאלעך,
קריגאלעך און מיגאלעך
און רויטע פאמעראנצן.
ס'איז דער מארגן אייערער.
האלט אים נאר וואס טייערער.
קיין שטיינדאלעך,
קיין ביינדאלעך,
קיין פיינדאלעך און חנדאלעך,
קיין אפגענארטע מעשה'לעך.
זייט געגריסט !
זייט געגריסט !

ערשט קינד — וועלן זיך די טויערן עפענען אצינד ?
וועט מער ניט פרירן אונדז דער ווינט ?

צווייט קינד — וועט מער ניט שרעקן אונדז די נאכט?

דריט קינד — וועט דער הויכער בארג אויבן־אן
ניט פארשטעלן מער די זון ?

צוקונפט — ס'וועט דער מארגן אייערער זיין.
שטענדיק פרייד און זונען־שיין
ניט מער צוואנגן, ניט מער קלעמען,
שטענדיק געבן גלייך ווי נעמען

איין קינד — אזוי וועט מארגן זיין?
אזוי וועט מארגן זיין ?

אלע — ס'וועט דער מארגן אונדזער זיין
מיין איז דיין, און דיין איז מיין,
אויב נאר געבן וועלן מיר נעמען
ניט מער צאמען, ניט מער קלעמען
מיין איז דיין און דיין איז מיין :
אט אזוי וועט מארגן זיין

אלע נעמען טאנצן און זינגען דעם הורא אין באזונדערע גרופן:

עס רייסט זיך ארויין די אלטע באבע געיאגט פון די גרינע שפין. די שפין איז צעשטרייט און צעיאכמעט און די באבע מיט לצנות לאכנדיק און שפאטנדיק. קינדער אין צעמישעניש שטייען אויף א זייט ווען שפין און באבע יאגן איינס די אנדערע.

שפּין (פּאַרסאַפּעט) — דו קללה,—
אַ בהלה! אַ בהלה!
דו קישוף־מאַכערין, דו!
גיסט מיר קיינמאָל נישט קיין רו:
אַט ביזטו דאָ, אַט ביזטו דאָרט.
אויף יעדן פּלאַץ. אויף יעדן אָרט.
כ'האָב בלויז געהיט דעם באַרג פון גאָלד
כ'האָב געוואָלט
ערליך זיין,—
יאָ, טאַקע.
זיי אַלעמען אַ מאַקע—
וואָס מיין איז דיין.
וואָס דיין איז מיין.
כ'האָב בלויז געוואַכט ביים טירעלע גרין,
כ'בין דאָך מער ניט ווי אַ שפּין. (וויינט)

באַבע— אַ קליינע, גרינע, קלעבעדיקע שפּין. (לאַכט)

שפּין ... און איצטער, וואָס וועט זיין אַ צינד?
דו מיט דיין צפון־ווינט
און דיינע קינדער פון'ם מאָרגן
גיבן צרות, גיבן זאָרגן—
דיינע קינדער!
וואו גייט מען עס אַצינדער?
זאָג, דו כישוף־מאַכער, זאָג!
אַ קלאָג דיר, אַ קלאָג!

קינד — (מיט פאַרזיכט) ווער ביזטו,
איך פאַרשטיי דיך נישט.

שפּין ... נישט פאַראַן וואָס צו פאַרשטיין:
איך זיץ אַזוי ביים טירעלע גרין,
איך די גרינע שפּין
און איך דרעמל און איך וואַך
קומט אַ בהלה,
אַ קללה,
קומען קינדער אויפן באַרג,
אויפ'ן שפּיץ פון גאָלדענעם באַרג
און טרייבן מיך אוועק —
ס'אַרא שרעק, ס'אַרא שרעק

און בלייב אַצינד אַליין,
וואוהין, גייט מען איצט, וואוהין זאָל איך גיין?
אַז דער באַרג איז מער נישטאָ
אַז די באַבע גיט קיין רו

קינד— וואָס ווילסטו דען אַצינד ?
מיר זיינען אויך אָן אַ דאַך.
די צוקונפֿט־שטאָדט איז פֿאַרמאַכט.
וואָס קאָנען מיר דאָ איצטער טאָן ?

שפּין— דאָ מיט אייך וועל איך זיין:
וואָס מיין איז דיין,
וואָס דיין איז מיין חי חי חי
יאָ, וואָס דיין איז מיין !

צוקונפֿט — מאַך זיך גרייט אין וועג אריין
באַבע... גרינע שפּין, קלעבעדיקע שפּין:
וועסט מער אַצינדער קיינעם היטן,
גיי פֿון דאַנען! גיי!
איך קאָן זיין גוט, איך קאָן זיין שלעכט !
: די אַלע זיינען מיינע קינדער ...
וואונדער איבער וואונדער—
און די טויערן וועלן זיך עפֿענען !
און די צוקונפֿט־שטאָדט וועט באַלויכטן זיין!
דער גאָלדענער באַרג איז קיין באַרג נישט מער!
דער גאָלד איז קיין גאָלד נישט מער!
פֿינצטערניש, שדים און אַלדע שווארצע יאָרן
איז פֿאַרביי.
נישטאָ.
ביזט אַ שפּין, אַ גרין קלעבעדיקע שפּין
געדונגען פֿון דער נאַכט.

עס הערט זיך טראָמפּייטן שאַלן אויסגעמישט מיט געזאַנג. צוקונפֿט און באַבע אויפֿפֿאַלנד. שפּין שרעקט זיך. קינדער אין צעמישעניש סודן זיך.

צוקונפֿט— ווייסט איר כאַטש וואָס דאָס באַדייט ?
עס איז די זון באַפֿרייט!
קינדער קליינע זינגט אַצינד !
קינדער קליינע טאַנצט אַצינד !
זיי קומען אָן !
זיי קומען אָן!

שפּין— און מיט מיר וואָס וועט זיין ?
איך בין דאָך גוט.
איך בין דאָך וואויל.
און די צוקונפֿט־שטאָט איז אויך מיין.

צוקונפֿט... דו וועסט פֿארשווינדן אין אייביקייט.
וועסט אויפֿהערן זיין ווי קיינמאל ניט געווען.

באָבע— מעגסט זיך אַפֿילו מיען
און קניען
און רייסן זיך פֿאַר די האָר
וואָס וואָר איז וואָר:
ביזט פֿינצטערניש, אַ שרעק !
ביזט דערגאַנגען ביז צום עק!
גיי און זאָל עס זיין דיין לעצטער גאַנג !

שפּין רייסט פֿון זיך די האָר און די קליידער גרילצנדיק.

שפּין— כ'וויל נישט אונטערגיין !
כ'וועל נישט אונטערגיין !
כ'שווער כ'בין קיינמאָל שלעכט געווען.
ניין! ניין! ניין!
איך שווער! איך שווער! איך שווער!
אז כ'וועל אויספֿירן אַ יעדערנס באַגער
אבי לאָזט מיך זיין
די צוקונפֿט־שטאדט איז אויך מיין !
מיין! מיין! מיין!

צפֿון־ווינט קומט אָן פֿלאַטערנדיק מיט די פֿליגלען. קינדער טוליען זיך און נורען זיך אויגם צום אַנדערן. באָבע און ווינט סודן זיך. שפּין מיט פֿאַרדאַכט.

באָבע— וועלכע נייעס צפֿון־ווינט.
דערצייל, געשווינדט:
פֿון וואַנען איז דיין גאַנג ?
וואָס איז עס פֿאַרע קלאַנגען, דער געזאַנג?

צפֿון־ווינט— איך קום פֿון יענעם זייט באַרג,
קום איך.
דער באַרג איז קיין באַרג נישט מער,

ס'איז נישט מער דער בארג.
נאכט איז קיין נאכט נישט מער,
עס איז נישט מער די נאכט
אויפ'ן שפיץ פון'ם בארג.
אָבער פינצטערניש וויל נישט אונטערגיין.

שפין— פינצטערניש וועט נישט אונטערגיין.
גאָלד איז גאָלד און נאכט איז נאכט.
און שפין איז שפין. חי חי חי
איך וויים וואָס דער ווינט האָט געבראַכט.
איך וויים וואָס דער ווינט האָט דערציילט.
איך וויים עס אַלץ
און די טויערן וועלן זיך נישט עפענען.
און די צוקונפט־שטאָדט וועט געשלאָסן זיין.
חי חי חי
חי חי חי

נאכט דערשיינט פאַרשטעלט מיט ליכטיקע קאָלירן און גרינע בלעטער און צווייגן. מיט נאכט קומען שטנדלעך פאַרשטעלטע און טאַנצן אַרום נאכט.

נאכט... איר קאָנט מיך נישט, איך וויים.
איך שטעל מיך פאָר פאַר אייך אַ צינדער:
איך בין דער היטער פון גליק.
איך בין דער דערלעזער פון יעדן שקלאַף.
איך בין דער אָנזאָג פון דעם וואָס ס'וועט זיין—
צוקונפט־שטאָדט וועט זיך עפענען אויף מיין וואונק.
די צוקונפט־שטאָדט איז מיין באשאף.
איך בין אייביקייט.
אייביקייט בין איך, אייביקייט ! !

צוקונפט— מיט (פאַרדאַכט) ביזט מיר קענטליך, אייביקייט.
דיינע קליידער זיינען פרעמדע דאָך.
דער שטויב אויף דיר, איז דער שטויב פון שקר.
פון פינצטערניש.
דיינע באַגלייטער פאַראַטן דיך.
זאָג בעסער אוים ווער דו ביזט און דיין פאַרלאַנג.
ווייטסו כאָטש פאַרוועמן ד'האָסט זיך גרוים געשטעלט?

שפּין— זאָג נישט אויס מיין האַר,
זאָג נישט אויס.
רעד וואָס דו ווילסט, נאָר זאָג נישט אויס.

נאַכט... אומזיסט דיין שרעק גרינע שפּין.
איך בין פון אַ ווייטן וועג און ווייטן לאַנד.
מיין האַרץ איז גוט. מיין כונה ריין.
איך קום אַלס דערלעזער פון די קינדער,
וועלכע שמאַכן ביי די טויערן וואָס זיין געשלאָסן.
טויערן וועלן זיך עפענען אויף מיין וואונק.

באַבע— פאַרוואָס ווינקט מען נישט, האַ ?
פאַרוואָס דערלעזט מען נישט, האַ?
פאַרוואָס פאַרשטעלט מען זיך, האַ?
פאַרוואָס פלאַטערן די באַגלייטער ?
פאַרוואָס ציטערן דיינע הענט און פיס?
פאַרוואָס שטאַרבסטו נישט?!

נאַכט— דאָס אַלץ איז ליגן!
דאָס אַלץ איז אַן אויסגעטראַכטע מעשה
פון אַ בישוף־מאַכערן ווי דו.
איך בין דער פריינט פון ליכטיקייט!
איך בין דער פריינט פון פראָגרעס!
איך פאַרשעלט דעם גאָלדענעם באַרג !
איך בין גוט.
איך בין הייליק.
איך בין גרויס !

באַבע— הערט־זשע אַלע אויס אַצינדער,
זעט דעם וואונדער איבער וואונדער,
באַלד וועט זיך אַ נס באַווייזן:
ווייטע וועגן, ווייטע רייזן
האָבן איצטער גליק געבראַכט,

שפּין— אַלע שדים, אַלע רוחות האָבן דאָס פאַרטראַכט

באַבע רייסט אַרונטער אויבערשטע קליידער פון נאַכט. אַ טומל און בהלה. צוקונפט לאַכט מיט. שפּין פאַרשווינד צעזאַמען מיט די שטנדלעך. נאַכט ציטערט.

נאכט— א קללה אויף דיר, אלטע כישוף־מאכערן!
דיין צונג איז סם!
דיין געדאנק נישט ערלעך!
דיין ציל איז פאלש!
ביזט אפגעלעבט, פארוואס שטארבסטו נישט?!

ס׳הערן זיך דונערן, ס׳ווייזן זיך בליצן. נאכט גלייכט זיך אויס גרילצט מיט געמאכטן מוט. צוקונפט אפ שנעל.

נאכט— דאס איז דער צייכן פון מיין שטאלץ!
דאס זיין סמנים פון מיין קראפט
איך וועל ניט אונטערגיין!
איך וועל ניט אונטערגיין!

ס׳רייסן זיך אריין צוויי קינדער מיט געצונדענע שטאלקאצן און רופן אין דער ברייטקייט אריין ווי אין ערשטן בילד.

ערשט קינד— העי!
קומט אהער! קומט אהער!
קוט אהער פארשלאפענע,
דערשראקענע,
ווארטנדע פארבענקעטע,
קומט אהער!

אלע רינגלען ארום די צוויי קינדער. באבע אויף א זייט זיך שטיקנדיק פאר געלעכטער. נאכט בייגעריג.

אלע קינדער— וואס איז געשען?
וואס איז געשען?

ערשט קינד— וואונדער איבער וואונדער איז געשען.
עס איז דער טאג געבוירן!
נאכט האט מער קיין שליטה ניט.
דער גאלדענער בארג איז קיין בארג ניט מער.
גאלד איז גאלד ניט מער.
גרינע שפין וואכט ניט מער.

צווייט קינד— און זיי זײַנען אויפֿ'ן וועג:
און דער וועג ווערט מיט בלומען באַדעקט.
און מיט גרינסן.
און מיט פּלאַנצן.
און די פֿייגלען אויף די צווייגן זינגען.
און די טויבן אויף די בוידימס וואַרקען.
טויערן וועלן זיך עפֿענען פֿון דער צוקונפֿט־שטאָדט.

ביידע קינדער— און די נאַכט איז נאַכט ניט מער.
און די שרעק איז שרעק ניט מער.
אונדזערס איז דער מאָרגן—
קינדער פֿון דעם מאָרגן זײַנען מיר!

אַלע טאַנצן אַרום די צוויי קינדער מיט די שטאַלקאַצן. נאַכט נעמט צאַרגען און ברעכט איבער דעם טאַנץ.

נאַכט— ניין!
דאָס האָט די כישוף־מאַכערן אַ שפּאַס געמאַכט!
מאָרגן וועט קיין מאָרגן זײַן.
פֿינצטערניש איבעראַל.
איר הערט,—
פֿינצטערניש איבעראַל!
איך בין נאָך שטאַרק!
שדים און רוחות אַהער!
אַ הער! אַ הער! אַ הער!

שטנדלעך אַריין און קרייזלען זיך אַרום נאַכט און זינגען לויב אין שרעק און אין פּלאַטער.

שטנדלעך— טאַנצן טאַנצן,
אייביק טאַנצן,
ס'איז די נאַכט די איינע שטאַרק:
קיין פֿאַרלאַנגען.
קיין געזאַנגען
פֿון די קינדער אויף דעם באַרג.
קינדער קליינע,
אָט אַזוינע,
מוזן זינקען אין דעם טאָל!

מירן וואכן.
חא חא לאכן.
ס'וועט דער וועג זיין שטענדיק שמאָל.

נאכט— שטאַרקער זאָלט איר זינגען!
שטאַרקער זאָלט איר טאַנצן!
שטאַרקער! שטאַרקער! שטאַרקער!
נאך ניט געענדיקט איז די נאַכט!
אַלץ איז ליגן!
אַלץ איז פֿאַלש!
אַלץ איז כּישוף און גענאַר!
זינגט אַ ליבּ צו מיר, — שטנדלעך פֿון דער נאַכט!
זינגט און טאַנצט פֿאַר מיר!
איך בין גרויס!
איך בין שטאַרק!
איך בין מעכטיק!
איך בין דער היטער פֿון דער נאַכט!

נעמען ווידער טאַנצן און זינגען און בלייבן פּלוצים שטיל ווען צייט דערשיינט. די צוויי קינדער מיט שטאַלקאַצן אויף אַ זייט. קינדער טוליען זיך איינס צום אַנדערן. אַלטע באָבע קייכט פֿאַר געלעכטער. נאַכט איז זיין גאַנצע גרויס שטאַלץ און אויף אַן אָרט.

נאכט— וואָס נאָך ווילסטו אַלטינקער?
וואָס נאָך נייעס וועסטו ברענגען?
האָט נאָך די וועלט נישט געעקט?
דיין קאָסע איז פֿאַרזשאַווערט.
דיין זאַמד איז פֿייכט—
ענטפֿער אַלטער, איז די וועלט נאָך ניט געעקט?

צייט— ניין,—
דו ביזט געעקט.
ס'איז פֿאַרטאָג,
טאָג איז געבוירן!

נאכט— איז וואָס?
איז וואָס אַז טאָג איז געבוירן?
איז וואָס אַז די טויערן וועלן זיך עפֿענען?
איז וואָס?!
איז וואָס, ווייל איך וויסן,
איז וואָס?!

צייט— מאַך זיך גרייט נאַכט,—די טויערן וועלן זיך עפֿענען

נאַכט— איך בין אייביקייט, אייביקייט בין איך !!

צייט— ווען דער לעצטער זאַמד וועט פֿאַלן, —

קינדער— פֿאַרשוואונדן וועט די נאַכט!

צייט— ווען טראַמפּייטן וועלן שאַלן—

קינדער— פֿאַרשוואונדן וועט די נאַכט!

נאַכט— קינדער צריק אין וויגאַלעך
און חלומט דאָרט פֿון ציגאַלעך
און רויטע פּאָמעראַנצן,
טאַנצן, טאַנצן, טאַנצן,
ביז מיין פֿינצטערניש וועט שרעקן
און חלומות וועלן זיך עקן—
קינדער צריק אין וויגאַלעך
און חלומט דאָרט פֿון ציגאַלעך !

(קינדער צעלאַכן זיך אַלטע באַבע וואַקסט אויס צווישן זיי און לאַכט מיט.)

אַלע קינדער— ווען דער לעצטער זאַמד וועט פֿאַלן,
ווען טראַמפּייטן וועלן שאַלן
און דער שטערן וועט אויפֿשיינען
וועלן שאַקאַלן ניט מער וויינען
דאַן פֿאַרשוואונדן וועט די נאַכט. (געלעכטער)

איין קינד— אַלטע באַבע מאַך דיין כישוף
זינג און טאַנץ מיט אונדז
זאָלן קינדער צריק קומען פֿון'ם באַרג
זאָלן זיך טויערן צועפֿענען פֿון דער צוקונפֿט־שטאָט.

באַבע— ווער קאָן זינגען, ווער קאָן לאַכן,
ווער קאָן טאַנצן אין דער נאַכט?
ס'שלאָפֿן מענטשן, ס'וויינען ווינטן אין דער נאַכט
ס'פֿאַלן שטערן פֿון די הימלען אין דער נאַכט .

נאַכט— איצטער זעסטו, פֿאָטער־צייט, מיין קראַפֿט?
דאָס איז מיין עדות — איך בין אייביקייט !

צייט— גיי און מאַך זיך גרייט.

נאַכט— טויערן פֿון דער צוקונפֿט־שטאָדט וועלן געשלאָסן זיין.
קינדער וועלן ניט גרייכן דעם באַרג.
צוקונפֿט־שטאָט אַן זונען־שיין און גליק, וועט קיין
שטאָט ניט זיין!
דער גאָלדענער באַרג איז מיין פֿעסטונג!

צייט— דיין רימען זיך גילט נאָר פֿאַר גלויביקע און פּחדנים
קינדער פֿון דעם מאָרגן זיינען קיין פּחדנים נישט!
גיי! איך הייס דיך גיין! האָסט אָפּגעלעבט דיין צייט!

נאַכט— איך וועל גיין, אָבער כ׳וועל צריק קומען ווען
טאָג וועט פֿאַרגיין.

נאַכט אָפּ. באָבע קייכט פֿאַר געלעכטער. זינגט און טאַנצט אין אַ ריידל די קינדער וועלכע פּאַטשן מיט די הענט אין אַ קרייז. צייט אָפּ אין דער זעלבער ריכטונג.

באָבע— אַט אַזוי און נאָר אַזוי
נאַרט מען אָפּ דעם שטאַרקן.
אַט אַזוי און נאָר אַזוי
שאַפֿט מען אָפּ דעם שטאַרקן. (אָפּ)

(מוזיק שפּילט דעם בלומען־טאַנץ. בלומען אַריין זינגענדיק)

בלומען— בלומען קראַנצן,
טאַנצן, טאַנצן.
פֿאַר דעם מאָרגן וואָס איז ניי
לידער זינגען.
צימבלען קלינגען.
פֿאַר דעם מאָרגן וואָס איז ניי.
טראַ לאַ לאַ!
טראַ לאַ לאַ! —
פֿאַר דעם מאָרגען וואָס איז פֿריי!

(בלומען טאַנצן. רויטע רויז אינדערמיט)

כ׳טאַנץ מיט אייך
איך זינג מיט אייך
אַט אַזוי
און נאָר אַזוי !

נאָך דעם קריג
קומט דער זיג
האָפּ האָפּ
האָפּ האָפּ
טאַנצן טאַנץ איך נאָר אַזוי!

אַלע בלומען— וואָס טויג זינגען,
וואָס טויג טאַנצן,
ווען די זון איז אַלץ ניטאָ
וואָס טויג לאַכן, וואָס טויג האָפן,
אַז די זון איז אַלץ ניטאָ

ליליע— כ'האָב אַ חלום אויסגעחלומט שששש.....

אַלע— וואָס זאָל דער חלום זיין? האַ...?

ליליע— כ'האָב געחלומ'ט אַז דער גאָרטן איז צעבליט
און צעוואַקסן איז דער גאָרטן
און די בלומען באָדן זיך אין שטראַלן,
פון דער זון, העט ווייט, פון אויבן־אָן...
טויזנט זונען! טויזנט זונען !
גאַנצע סנאָפּעס זונען־שטראַלן!

(אַלטע באָבע וואַקסט אויס אונטערמיט)

באָבע— ניט געשראָקן בלימאַלעך.
ניט געציטערט.
ניט געפלאַטערט.
כ'ווייס אַז קומען מוז דער מאָרגן.
כ'ווייס אַז קומען וועט דער טאָג
ווען די בלומען וועלן זיך וואַרימען
אין דער זון, פון אויבן־אָן
אין דער גאָלדן ליבער זון.
און די קינדער וועלן זינגען.
און די קינדער וועלן לויבן.
איך די באָבע וועל אויך פריילעך זיין הי הי הי

(אַלע בלומען טאַנצן אַרום דער באָבען)

באבע— ס'איז מיין פנים גרוי פון זארגן
שטענדיק וואך איך נאכט און מארגן
שטענדיג טו איך אייך באשיצן
ב'ליב אייך יעדן, אלע גלייך

רויטע רויז— אויסגעטראכטע ווערטער שיינע
ס'איז דאך פאלש דיין יעדער קלאנג
מיר ליבן ניט דיין פאלש געזאנג

באבע— מיינע ווערטער זיינען שיינע.
מיינע ווערטער זיינען פערל.
שטענדיק ניי. שטענדיק ניי.

רויטע רויז— ב'ווייס דיין שטרעבן ב'קאן דיין ציל:
ווילסט אפטויטן בלאט און בלום
ווער פארשווינדן אלטער כישוף,
בלייב אויף אייביג בלינד און שטום.

(באבע צארנדט)

באבע— מיינע ווערטער זיינען טרייע!
מיינע ווערטער זיינען גרויס!
אלע זייט איר אויסגעוויגטע
נאר אין מיינעם ווארימען שויס.
אויב איר ווילט ניט וועל איך לויפן
און פארשווינדן אין דער ווייט
נאר פאר דעם וועל איך באווייזן
וואס מיין צארן איצט באדייט...!

באבע גיט א צייכען מיט'ן שטעקן. (צפון־ווינט אריין)

(צפון־ווינט פאכעט מיט פליגלען)

באבע— שנעלער זאג מיר צפון־ווינט
פון וואנען קומסטו
און וואס ווייסטו
זאג ווי האלט עס איצט דער גאנג?
קינדער ווארטן אזוי לאנג

צפֿון־ווינט— פֿרעג מיך נישט, אָ, באָבע קליינע,
פֿרעג מיך נישט, עס איז אַ שרעק:
שדים, רוחות, שוואַרצע יאָרן,
האָבן ליכטיקייט באַגעגנט
און באַשאָטנט
און פֿאַרפֿינצטערט
און די קינדער איבערשראָקן
און זיי וויינען
און זיי קלאָגן
פֿרעג מיך ניט, איך קאָן נישט זאָגן
ס'איז דער אמת מער נאָך שרעקלעך
פֿרעג מיך ניט, אָ, פֿרעג ניט מער,
לאָז צו רו מיר, לאָז מיך גיין

אַ טומל צווישן די קינדער ביי די טויערן. אַ טומל צווישן די בלומען און פֿלאַנצן די רויטע רויז טיילט זיך אויס. אַלע קומען אין צענטער מיט געהויבענע הענט.

אַלע— וואָס איז געשען,
וואָס איז געשען
ווער האָט דען ווען אַזוינס געזען,
פֿאַראַט אויף לינקס, פֿאַראַט אויף רעכטס,
ווער קאָן נאָר ווינטשן קינדער שלעכטס,
ס'דאַרפֿן קינדער ליכט און זון,
זאָל זי קומען פֿון אויבנ־אָן
זאָל זי וואַרימען, זאָל זי גלעטן,
קינדער ליגן קראַנק אין בעטן,
קינדער האָפֿן, קינדער וואַרטן
אויף דעם מאָרגן דעם געגאָרטן—
זאָג אונדז שנעל, וואָס איז געשען,
וואָס האָט דער ווינט אַזוינס געזען?

רויטע רויז— איך ווייס דעם סוד, איך ווייס די שרעק,
אַ סוף אַן עק.
אַ סוף אַן עק.
קיין מאָרגן־נייַ
קיין מאָרגן־פֿרייַ.
אַלץ דאָ שטאַרבט.
אַלץ דאָ דאַרבט.

פאראט אויף לינקס. פאראט אויף רעכטס.
מאסקעראדן טראגן שלעכטס:
צוקונפט־שטאט איז מער קיין שטאט־ניט,
נאכט איז שטארק, נאכט דא רוט ניט.
א סוף אן עק.
איך פיל די שרעק.
אלץ דא שטארבט.
אלץ דא דארבט.
פינצטערניש האט אלץ דערשטיקט
נאכט האט פלאג אויף אונדז געשיקט.
עפעס איז דאך פארט געשען,
עפעס האט דאך ווינט געזען.

די צוויי קינדער מיט די שטאלקאצן שלעפן רויז אין צענטער אריין.

צוויי קינדער— שווייג דו פחדן, שווייג און אכץ־ניט
גארניט איז געשען.
ביזט ניט איינע, ווארט און שרעק ניט.
וויין ניט, קלאג ניט, דו נאר זיפץ ניט.
וואס האט דער ווינט אזוינס געזען?

אלע בלומען— ארונטער מיט דיין מאסקעראד,
ס'איז ניט דיינער דער פאראד
ביזט קיין רויז ניט, ביזט פארשטעלט
האסט קיין דופט ניט,
האסט קיין הארץ ניט,
דיינע איז די נאכט וואס שעלט!
ווי קאן א רויז און רויט דערצו
וועלן צושטערן אונדזער רו,
אונדזער גלויבן, אונדזער דראנג,
ניין, דו ווייסט ניט פון געזאנג!
ארונטער מיט דיין מאסקעראד,
ס'איז ניט דיינער דער פאראד.

רויטע רויז — איך ווייס ניט ווער איך בין.
מיך שרעקט די גרינע שפין.
זי האט מיט מיר א שפאס געמאכט
אין א חלום היינט ביי נאכט

צוויי קינדער— עס איז פֿון נאַכט דער לעצטער שטרייט.
נאַכט מיט שרעק, דאָרט שטייט און שרייט
און יאָגט
און פּלאָגט
און קאַכט און זידט
מיט צײַנער־קריץ,
מיט היץ
און בליץ:
דער באַרג פֿון גאָלד איז באַרג ניט מער!

צפֿון־ווינט— לאָזט מיך גיין, אָ, לאָזט מיך גיין.

אַלע— גיי פֿון דאַנען גיי
ביזט מיט שרעק און ווײ
ביזט אַ דינסט, אַ שקלאַף
אַ נאַרישער באַשאַף!

באַבע— ניט געהײַלט זיך קינדערלעך.
אַלץ איז גרוים און וואונדערלעך.
נאַכט איז טויט. דער וועג איז ברייט.
גרינע לאָנקעס אויסגעשפּרייט
ווינט אַהער און ווינט אַהין,
ניט מער פּחד, ניט מער שפּין.

צוויי קינדער— אמת, אמת קינדערלעך,
אַלץ איז גרוים און וואונדערלעך,
מאַכט אייך גרייט.
די צײַט, זי גייט.
די באַבע הייסט.
די באַבע ווייסט.
גאָרניט איז אַצינד געשען
אַלץ געהערט און אַלץ געזען
אַלץ וואָס שלעכט איז, איז פֿאַרביי—
מאָרגן־ניי!
און מאָרגן־פֿריי!
טויער וועט זיין אויפֿגעפּראַלט—
אַזוי האָט טראָמפּייט אויסגעשאַלט.

באבע— אמת, אמת קינדערלעך,
ציים איז ניי און וואונדערלעך
ניט מער טרויער, קיין געיעג,
אַלץ איז פֿריי, מען מעג, מען מעג.
צוקונפֿט־שטאָט וועט אָפֿן זיין—
וואָס דיין איז מיין,
וואָס מיין איז דיין
ס'וועט באלד טראמפּייט דאָ אויסשאַלן,
ווען דער טויער וועט זיך פראלן

אַלע— אמת, אמת קינדערלעך,
אַלץ איז ניי און וואונדערלעך,
ניט מער פלויטן,
ניט מער צאַם,
ניט מער גרענעץ,
ניט מער ים,—
אייניק, אייניק דער געראַנק!
אייביק, אייביק דער געזאַנג!

איין קינד—אָט אזוי וועט זיין דער מאָרגן!
אָט אזוי וועט זיין דער מאָרגן!
נאָר אזוי וועט זיין דער מאָרגן!

אַלע — אַלע וואַכן, וואַכן, וואַכן,
אַלע לאַכן, לאַכן, לאַכן,
זאָל געלעכטער קלינגען ווייט.
זינגען וועלן קנאַספּן, ביימן,
„נייע לידער, נייע ציימן״
איין קינד—אזוי איז אונדזערס דער באַגער!
אזוי איז אונדזערס דער באַגער!

אַ שטראָם פֿון ליכט פֿאַלט פּלוצים אויף די טויערן, וועלכע עפֿענען זיך לאַנגזאַם צוקונפֿט ווייזט אָן.

צוקונפֿט — הערט איר אַלע קינדער נייע,
קינדער פֿרייע?
נאָר ניט שרעקן, נאָר ניט שרייט.
ס'איז דער גרויסער טאָג געבאָרן,
ס'זיין פֿאַרלאָרן,

שפּאַרבעס אייזערנע אין הויך.
ס'איז דאָך אייערער דער כח!

(אַלטע באָבע וואַקסט אויס ווי פֿון ערגיץ ניט)

באָבע — הי! הי! הי! האַ! האַ! האַ!
און זיי קומען
און זיי שטראָמען
אי פֿון דאַנען
אי פֿון דאָרטן
אַלע אָרטן
און זיי שפּאַנען
סיי פֿון דאָרטן, סיי פֿון דאַנען
האַ! האַ! האַ! הי! הי! הי! (טאַנצט)
איך טאַנץ מיט אייך!
איך זינג מיט אייך.
אַט אַזוי און נאָר אַזוי
טראַלאַלאַ טראַלאַלאַ.

(בלומען קומען אין ריידל טאַנצן און זינגען)

בלומען — מיר זיינען די פֿרישינקע בלומען
פֿון גאָרטן דער פּרעכטיקער פּלאַנץ
מיר בליען פֿאַר צייטן וואָס קומען,
מיר ברענגען אייך יובל און גלאַנץ —

קנאָספּן נעמען טאַנצן אין אַ ריידל צוזאַמען מיט די בלומען. די קינדער אין אַ האַלבע ראָד.

קנאָספּן — מיר זיינען די קנאָספּן,
די בלומען
וואָס קומען,
אַזוי איז דעם שעפֿערס פֿאַרלאַנג.
מיר זיינען דעם מאָרגנס־געזאַנג.

ס'קומט אָן די פּראָצעסיע. ליכט פֿאַרויס. פֿאָטער־צייט און אַנדערע פֿאָלגן נאָך.

ציִיט — זינגט־זשע שמידער פֿון דעם מאָרגן
פֿריילעך און געפֿלייסט
יעדער פּאַכע מיט דעם מעכער
שטאַרקט דעם נייעם גייסט

צוקונפֿט—פֿאַלט נאָר האמער אויף קאָוואדלע
שמידט זיך שטאַנג נאָך שטאַנג
מוסקלעוואַטע הענט געזונטע
קלאַפּן אויס געזאַנג

אַלע — האמער, האמער,
הויב זיך האמער,
צו די שטאַנגען אויס
אַלע שמידער,
ווידער, ווידער,
ציט זיי שטאַרק און גרויס!
אַלע זינגען מיר פֿון מאָרגן
פֿריילעך און געפֿלייסט,
יעדער פּאַכע מיט דעם מעכער
פֿרישט דער יוגנט־גייסט!

טראָמפּייטן שאַלן. שופֿרות בלאָזן. קאָוואַדלע־קלאַנגען. פונקען שפּריצן.

קינדער מאַרשירן צו די טויערן פֿון דער צוקונפֿט־שטאָט אין אַ פּראָצעסיע פֿול מיט יובל מוזיק און געזאַנג:

—אַלע אין איינעם
געשראָקן פֿאַר קיינעם
ס'רופֿט אונדז דער גליקליכער טאָג;
ס'בויען זיך מויערן,
מעכטיקע טויערן,
ס'רופֿט אונדז דער גליקלעכער טאָג
—אַלע וואַכן, וואַכן, וואַכן,
אַלע לאַכן, לאַכן, לאַכן,
ס'קלינגט געלעכטער אָפּ אין ווייט!
אַלע זינגען, זינגען, זינגען
און די צימבלען קלינגען, קלינגען,
ס'ווערט געבוירן נייע צייט!
ס'ווערט געבוירן נייע צייט!

—מיר זיינען געקומען
מיט דופּטענדע בלומען,
צוזאַמען מיט ליכטיקע שטראַלן!
מיר וועלן מיט לידער,
אַלץ ווידער און ווידער,—
זיך הויבן און וועלן ניט פֿאַלן!
—לאָמיר טאַנצן, טאַנצן, טאַנצן,
לאָמיר פֿלעכטן בלומען־קראַנצן
און מאַרשירן אַלץ פֿאָרויס!
און מיט פֿרישן מוט דערהויבן
נייעם מאָרגן, נייעם גלויבן,
ס׳איז דער ווילן שטאַרק און גרויס!
ס׳איז דער ווילן שטאַרק און גרויס!
—מיר זיינען די קינדער,
די גליקלעכע קינדער,
מיר זיינען די טרעגער פֿון גליק!
מיר זיינען די שמידער,
די אמת׳ע שמידער—
מיר ווייסן קיין וועגן אויף צריק!
—מירן בויען, בויען, בויען,
שטענדיק שאַפֿן, שטענדיק סטרויען,
ניט מער שרעקן וועט די נאַכט!
ס׳איז דער ווילן וואָס קאָן באַשאַפֿן,
ניט קיין האַרן, ניט קיין שקלאַפֿן,
שטענדיק וואַך זיין, נאָר געוואַכט!
שטענדיק וואַך זיין נאָר געוואַכט!

ס׳עפֿענען זיך די טויערן און פּראָצעסיע מאַרשירט אַריין מיט דעם זעלבן געזאַנג. 2 קינדער פֿון מאָרגן פֿאָרויס נאָכגעפֿאָלגט פֿון: צוקונפֿט — צייט — באַבע — קינדער־גרופּן און אַנדערע.

(פֿאָרהאַנג)

אן אונדערוואַרטעטע באַגעגעניש *)

נישט איין ליד האָט געהאַט דעם גורל ארומגעטראָגן צו ווערן פֿון מויל צו מויל, פֿון לאַנד צו לאַנד, און קיינער האָט קיינמאָל נישט געוואוסט, ווער ס'האָט דאָס ליד געשאַפֿן. דעמזעלבן גורל האָט אויך געהאַט דאָס ליד „קינדער פֿון מאָרגן", וואָס האָט זיך אַזוי ברייט פֿאַרשפּרייט צווישן די יוגנטלעכע אַר־בייטער פֿון רוסלאַנד, פֿון דאָרט אריבערגעוואַנדערט קיין פּוילן, פֿון פּוילן — קיין פּאַלעסטינע און אַמעריקע, פֿון פּאַלעסטינע—קיין לאָנדאָן, אָבער קיינער פֿון אונז האָט נישט געוואוסט, ווער ס'איז דער מחבר פֿון דעם דאָזיקן ליד. נאָר אָט האָב איך פּלוצים זיך אָנגעשטויסן אָן דעם מחבר.

די לעצטע צייט האָבן מיר יוגנטלעכע אַרבעטער אין לאָנדאָן אָנגעהויבן דאָ שאַפֿן אַ „יוגנט"-אָרגאַניזאַציע. צווישן אונזערע אַקטיווע מיטאַרבייטער געפֿינט זיך חבר ס. פּאַלמע — אַ דיכטער, וועלכער לעבט נישט פֿון דער פֿעדער, נאָר איז אַן אַרבעטער מיט אונדז צוגלייך.

מאַכט זיך איינמאָל נאָך אַ זיצונג, וואו מיר האָבן ארומגערעדט פֿראַגן וועגן דער אַרבעט פֿון אונזער „יוגנט", זענען מיר זיך צוזאַמענגעקומען ביי אַ חבר'טע ארום אַ ברענענדן קאַמין. מען האָט אָנגעהויבן זינגען און פֿאַרזונגען זיך אַזוי ווייט ביז עס האָט זיך שוין אָנגעהויבן פֿילן אַ מאַנגל אין מאַטעריאַל. יעדער פֿון אונז האָט אָנגעהויבן נישטערן אין זיין זכרון, און אָט האָב איך, אַ געקומענער פֿון פּאַלעסטינע, אויסגערופֿן:

„העי!
וואו דאָרט הער איך אַ געשריי,
ווערזשע זייט איר דאָרטן צוויי..."

אַ חבר'טע פֿון פּוילן, וועלכע איז געזעסן קעגן איבער מיר, איז אויפֿגעשפּרונגען און אויסגערופֿן: — חברים! דאָס ליד איז פֿון פּוילן, דאָרט זינגט עס די גאַנצע יוגנט!

*) דערשינען אין חודש זשורנאַל „די פֿרייע יוגנט" אין וואַרשע, מאַי 1928.

און אָט האָט א בחור א צאַפּל געטאָן און, אָנכאַפּנדיק מיך ביים אַקסל, אויסגערופן: „פון וואַנען?... ס׳טייטש... ס׳ליד איז דאָך מיינס״... גלייך ווי ער וואָלט ביי אונז אַלע צוזאַמען א גנבה געפונען...

מיר האָבן געהויבן מיט די אַקסלען שטומערהייט. ווי איינער זאָגט: מיר ווייסן נישט. דאָן האָט דער בחור — דאָס איז געווען דער דיכטער ס. פּאַלמע — אונז דערציילט, אַז ער איז דער מחבר פון דעם הימן: „קינדער פון מאָרגן״, אַז דאָס ליד איז א פראַגמענט פון א גאַנצער זאַך זיינער, א סצענישע פאַנטאַזיע אין פיר בילדער אונטער דעמזעלבן נאָמען, וועלכע איז נאָך ביז איצט נישט געדרוקט.

קענט איר אייך, חברים, פאָרשטעלן די פרייד פון יעדן פון אונז, פאַר וועלכע ס׳איז אין איין מאָמענט אויפגעקלערט געוואָרן א סוד, וואָס האָט געדרויערט גאַנצע צען יאָר. ווייזט זיך אַרויס, אַז ח׳ פּאַלמע איז אויך דער קאָמפּאָזיטאָר פון דער מעלאָדיע צו דעם ליד.

ידידיה

אינהאלט.

ז.

במקום פאָרוואָרט	3
גלאָקן אין מדבר	8
זיי קומען אָן...!	11
דאָס פיאָנערן־ליד	13
דער דאָרן אין מדבר (אַלעגאָריע)	15
ס׳שווימט אַ שיף	17
מיין נייער אַדרעס	18
דער סך הכל	21
אַ ריז איז אויפגעשטאַנען	24

לידער־קראַנץ

אויף אַ רעגנבויגן	28
מאַמע ערד	31
קינד אין שטורעם	...
אָט אַזוי:—	32
רעפלעקסן (אַ ווידמונג)	33
הערשער פון דער נאַכט (סאַטירע)	34
מען זאָגט און מען זאָגט...	38
וואָס און ווער	39
שאָטנס אויף די ווענט	42
יוגנט־פלאַטער	43
אויב ס׳איז ליבע...	...
ערשטער ציטער	44
קינדער פון מאָרגן (פאַנטאַזיע צום שפילן)	45